STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03491

PROFESOR GOT UN PROFESOR IDYOT

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין

פּראָפעסאָר גאָט און
פּראָפעסאָר אידיאָט

(אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע אַרומזובער.)

★

M. Granitstein
c/o Gorodisky
Corrientes 5575
B. Aires
Rep. Argentina

ב ו ע נ אָ ס   א י י ר ע ס

1 9 4 6

ביכער פון משה גראַניטשטיין

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

שיר השירים אשר לגראַפּאָמאַניע. (מרוידעך־באַלאַדן.)

עסייאיסטיק און פּובליציסטיק.

טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלאַציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?

פון ביידע זייטן בריק.

די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.

באַם וואָגזאַל.

באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)

צוריק צום געטאָ. (אַ פּייער־פּראָבע.)

מענטשן פון באַגינען.

דער סאָלטעראָ. (אַ זאַמלונג.)

האַרבסט־בלעטער. (אַ זאַמלונג.)

דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע געשיכטע.)

די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)

נאָראַ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)

איך — די קלאַקסע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון אַלט און יונג.)

בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)

קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע ארומזוכער.)

טרילאָגיע: פופציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע.

באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן אין צוויי טיילן.)

מסעות פּליגלמאַן. (ראָמאַן אין צוויי טיילן.)

על חטא שחטאתי בראַטנפּאַרבאַנד. (ראָמאַן אין דריי טיילן.)

מעמואַרן.

ליבאַוויטש, און די וועלט. (זכרונות פון אַ געוועזענעם ישיבה־בחור.)

די ערשטע פּיאָנערן פון דער פּראָגרעסיווער
אידישער פאָלקס־קולטור, אין לאַ־פּלאַטאַ,

באָסע פיונער, מאַרקאָס אָסטראָווסקי,
בערנאַרדאָ מינדלין,

אַ באַשיידענע מצבה.

פאָרוואָרט.

מיט אסאך יאָרן צוריק: ווען איך האָב, ע ר ש ט, געהאַט אונטערגענומען מיין שרייבער־אוואַנטורע אַף דער וועלט, — האָב איך שטורמיש געטרוימט:

— צו מאַכן — איבערראַשנדע רעוועלאַציעס; איבערקערעניש; איבערשאַצונגען פון ווערטן! צו באַווייזן — מיט מיינע אָנשטרענגונגען — אַ, טיף צו צעאַקערן, אויפרייסן, צעטרייסלען, דערשיטערן און באַפרוכפערן דעם מאָדערנעם סאָציאַלן געדאַנק פון דער מענטשהייט!...

היינט — נאָך אַזויפיל יאָרן אין דעם, — און מיין אַוואַנטורע האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט!...

שאַרפע ביטערע אָנגריפן — מ ל ב ר, און אייגענע שווערע ספקות — מ ב פ נ י ם, — האָבן ד אָ ך נישט באַוויזן — מיך צו ברעכן, ביז לעצט!...

אפשר, נעמט זיך דאָס דערפון:

— ווייל איך האָב שוין פאַרברענט אַלע בריקן — הינטער זיך!

— ווייל פאַר אַזאַ מין סאָרט אוואַנטוריסט, ווי איך — איז שוין קיין וועג אַף צוריק, סיי־ווי, נישט פאַראַן!

דאַרום: בלייבט נישט קיין אַנדער ברירה, ווי — אָנגיין ווייטער מיט מיין אוואַנטורע איבער דער וועלט!

און ווען, אַפילו, איך וועל, ענדלעך, דערגיין דערצו:

— אַז איך בין ג אָ ר נ י ש ט ד ע ר ג אַ ן, —

וועט, ע ר ש ט, נישט־אומזיסט האָבן געווען דער גאַנג!

ווייל — תכלית הידיעה, שנדע, שלא נדע, —

אַ, איז — דאָס העכסטע מענטשלעכע געזאַנג!

1

די איינציקע פֿאַרענטפֿערונג פֿון גאָט איז
דאָס, וואָס ער עקזיסטירט נישט.
(סטענדהאַל.)

די גרעסטע געפֿאַר פֿאַר דער קולטור איז —
י געבילדעטע נישטיקייט.
(די מענטש־סימפֿאָניע.)

די אומבאַוואוסטזיניקע מאַסע, די פֿרוי, דאָס קינד, (און גאָט — ווי עס זעען אים די יעניקע, וועלכע האָבן אים דערפֿונדן,) זענען: אַסאָציאַל — אין זייער מהות און, במילא — אַנטיסאָציאַל, אין זייער טעטיקייט; אַמאָראַליש — אין זייער מהות, (ד. ה. אַז עס אַרבעט נישט אין זיי דער נאָרמאַלער מאָראַלישער מעכאַניזם, ווי באַם געוויינלעכן סאָציאַלן מענטשן,) און, במילא — אַנטימאָראַליש, אין זייער טעטיקייט. א חוץ דעם, זענען זיי — אַבסאָלוט אָן ווילן, אָן כאַראַקטער.

דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן — די קאָנסטאַטירונגען פֿון די איינגעשאַפֿטן באַ זיי; פֿון די פֿאָלגן. נו, און וועלכע איז די סיבה פֿאַר דעם אַלעם?

און דער קאָנקרעטער ענטפֿער זעט אויס צו זיין דער: ווייל די מאַסע, די פֿרוי, דאָס קינד (און גאָט, זייער באַשאַף,) זענען אינוואַדירט פֿולשטענדיק פֿון דעם בלינדן אימפּולס, (נישט צו פֿאַרטוישן אַף ש כ ל ד י ק ג ע פֿ י ל — און ווי עס וועט ווייטער אויפֿגעקלערט ווערן דער אונטערשייד;): וועלכער פֿאַרטראָגט נישט קיינמאָל די מינדסטע רעאַגירונג פֿון מאַרך, (און פֿון זיין פּראָדוקציע — דעם אינטעלעקט;) פֿון דער שכל־רעפֿלעקסיע, פֿון וועלכער עס איז נאָכדענקונג; וועלכער איז אייביק בלינד זיכער אין זיך און אין זיינע אומבאַגרעניצטע רעכט...

2

דער מאַרך־אינטעלעקט, און דער אימפּולס — צוויי קאָנטראַסטן, וועלכע שליסן זיך אויס קעגנזייטיק.

דער מאָרד־אינטעלעקט איז דער בויער פון סאָציאַלן לעבן, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער פאַרמאָגט, פאַר אַלעם, די זעלטענע אייגנשאַפט פון ליכטיקן זכרון, (דענקען מיינט — געדענקען;) און ער זעט, דערום, אין זיין וויזיע, דעם אור־קאָסמישן גאַנג און עקספּאַנסיע — דורך אַנטיטעטיש געראַנגל; ד. ה. דעם אייביקן קאַמף צווישן די קאָנסטיטוציאָנעלע עלעמענטן פון דער מאַטעריע — דער טעזע און דער אַנטיטעזע; דער קאַמף צווישן זייערע אייגנשאַפטן פון סטאַטיק און פון דינאַמיק, וועלכער איז (דער קאַמף) די סיבה און פאָלגע: צוערשט — פון דער ע וו אָ ל ו צ י ע, ביז צום רייף ווערן פון אַ נייער פאָרם; און דאַן — פון דער ר ע וו אָ ל ו צ י ע, ד. ה. פונעם איבערגאַנג צום סינטעז, צום רעוואָלוציאָנערן אויסברוך פון דער נייער פאָרם אין דער מאַטעריע.

נאָר דער געראַנגל, ד. ה. די פאַזן פון עוואָלוציע און רעוואָלוציע אין דער קאָסמישער עקספּאַנסיע האָבן נישט אויפגעהערט. מע טאָר נישט פאַרגעסן: אַז אין איר איצטיקער קאָנסטיטוציע, (פון דער מאַטעריע — אין איר נייער פאָרם,) זענען געבליבן שטעקן די אַלטע אומקאָמפּראָמיסלעכע שונאים — די טעזע און די אַנטיטעזע, וועלכע ציען איטלעכע צו זיך: די טעזע, ווי פריער — צו סטאַטיק, צו קאָנסערווירונג אין זיך, נישט זיין פאָרויס; נישט מער: איצט, האָט זיך אין איר אַנטפּלעקט אַ נייער פאַרביסענער שטריך: דאָס בענקען אַף צוריק, צו דער אַלטער פּרימיטיווער געוועזענער פאָרם; עס הייסט — אַ דינאַמישער דראַנג אַף צוריקצוגיין צום פּרימיטיוו, צעשטערן די איצטיקע פאָרם און אומקערן צו דער פריערדיקער און, אפשר, בכלל — צו פאָרמלאָזיקייט, צו איר אור־אַלטן ירושה־שטאַם, צום נישט־זיין אין כאַאָס. ווי מע זעט: האָט זיך, שוין אין דעם אור־פּרימיטיוון טעזע־עלעמענט, אין זיין כלומרשטער קאָנסערוויר־טענדענץ, קלאָר מאַניפעסטירט ד ע ר ד י נ אַ מ י ש ע ר ד ר אַ נ ג צ ו צ ע ש ט ע ר ו נ ג אַ ף צ ו ר י צ ו א וו ע ג ס, צום אומקום... דאַקעגן, די אַנטיטעזע האָט אַרויסגעוויזן אַ דינאַמישן צעשטערונגס־דראַנג אַ ף פ אָ ר ו י ס; עס הייסט: צעשטערן די איצטיקע פאָרם, אין דראַנג צום נייעם אומבאַוואוסטן... אַזוי האָט דער געראַנגל געבוירן: צוערשט — די טויטע נאַטור; שפּעטער — די לעבעדיקע: די פלאַנצן, די אַנימאַלן, ביז צום מענטש.

דאָס וויל זאָגן, אגב, נאָך עפּעס: אַז ל ע ב ן — דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער צ ע ש ט ע ר ע ר י ש ע ר אַ נ ט י ט ע ז ע. דאַקעגן, די סטאַטישע כלומרשט־קאָנסערווירנדע טעזע האָט איר אייביקע טענדענץ — פון צוריקגאַנג צו טויט...

שוין בא דער ערשטער פאַזע פון דער ביאָלאָגיע זעט דער מאָרד־אינטעלעקט: ווי עס איז, אין דער זעלבער צייט, נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אַף אַ האָר די פּראָדוקציע פון דער ט ו י ט ע ר נ אַ ט ו ר; ווי זי

וואָלט דינען, פון ערשטן אָן — פאַר אַ רעם, ווי אַ שוץ צו דער לעבעדיקער... און ער גיט זיך רעכענונג, דער מאָרך־אינטעלעקט: אַז, פון אַצינד און ווייטער, אין דער וועלט פון די פלאַנצן, טוט זיך דער אַנמיטעטישער גרענעץ פאַר דער ווייטערדיקער עקספּאַנסיע פון דער נאַטור פּרעזענטירן אין דער פאָרם פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אָפּקליב, דורך ירושה און צופּאַסונג. דאָס מיינט צו זאָגן: אַז, שוין אינעם ערשטן אויפגעקומענעם פלאַנצן־מין, שלאָגן זיך אונזערע אַלט־באַקאַנטע אַנטימעטישע עלעמענטן — אונטער גענצלעך שפּאָגל־נייע געשטאַלטונגען. איין טענדענץ, די דינאַמישע, (די אַנטיטעזע,) איז אַ צעשטערישע. געטריבן דורך דער נויט, — זוכט זי זיך צופּאַסן, (איך וואָלט געזאָגט,) מיט אַלע שפּיר־סענסאַציעס פון אירע אָפענע „חושים" — צו דער אַרומיקער ספער, וואָס עס שאַפט (פאַר איר) די טויטע נאַטור: זי צו פאַרדייען, (די ספער,) כדי זיך צו דערהאַלטן באַם לעבן, באַ דער עקזיסטענץ. אַזוי, טוט זי זיך שטרעקן נאָכאַנאַנד, (געטריבן דורך דער נויט: דורך דעם הונגער, דורשט, דורך דער קעלט, —) צו דער זון, צו דער וואַרעם, צו דער לופט, צום ליכט, צו די שטראַלן, וועלכע זי שנאַפּט אָן, מיט איר גוסט; און זי זאַפּט זיי אַריין אין זיך כסדר: כדי ניט צו בלייבן, חלילה, הינטערשטעליק; נייערט, מיטצוואַקסן מיט דער אַרומיקער ספער; וועלכע, אַגב, שטייט דאָך אַליין אויך נישט קיינמאָל אויף איין אָרט; נאָר זי טוט זיך אויך אימער באַנייען און ענדערן, איינשאַפנדיק, מיט דער צייט, אַ נייע ספער... דאַקעגן, די צווייטע טענדענץ, די סטאַטישע, (די טעזע,) איז אַ ירושהדיקע, עס הייסט — אַ רעפּראָדוצירנדע, אַ קאָנסערווירנדע. זי ציט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער אומבאַוועגלעכקייט, צו דער אומפאַרענדערלעכקייט; צו דעם נעכטיקן כמעט־טויטן צושטאַנד, ווען מען איז אַליין געווען אַ טייל פון דער טויטער נאַטור; און זי בלייבט איצט, די דאָזיקע טענדענץ — גענצלעך־איינגעשלאָסן אין זיך; טויט־פיינטלעך, ווי תמיד, צו דער צווייטער טענדענץ, דער דינאַמישער; אַבסאָלוט פיינטלעך צו דער אַרומיקער דרויסנדיקער וועלט, מיט אירע ענדערונגען; ווי זי וואָלט וואַרטן אויף אַ דערלייזונג דורכן טויט...

אַזוי קומט עס אויס דעם דינאַמישן עלעמענט — שוין אין יענעם ערשטן פלאַנצן־מין — צו פירן זיין פאַרביטערטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און דערהאַלטונג: אי כלפּי־חוץ, ד. ה. אין שטענדיק געיעג נאָך דערנערונג און אָנהאַלט מיטן וואוקס און מיט דער ענדערונג פון דער אַרומיקער ספער, — אי כלפּי־פנים, ד. ה. — מיטן אייביקן שונא פון אינערן: וועלכער וויל קיינמאָל פון גאָרנישט נישט וויסן, ציט אים אימער אויף

אַראָפּ צו זיך אין גליוועך, און בעט אָפּ זיך און אָפּ דער גאַנצער וועלט דעם טויט...*

און אַזוי, אין שווערן געראַנגל, אין פּיין — וואַקסט ער, יענער ער־שטער פּלאַנצן־מין, *אין עוואָלוציע*; כדי רייף צו ווערן פֿאַר זיין מאָמענט פון ווערן טראַנספֿאָרמירט, *דורך רעוואָלוציע*, ד. ה., אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען אין דער אַרומיקער טויטער נאַטור, (מיט אירע אייגענע אַנטיטעטישע עלעמענטן אין געראַנגל,) נעמט אויסרייפֿן, *אין עוואָלוציע*, דער סינטעז פון אַ נייער ספער — וועלכער עס איז אָבער אויך באַשערט אויפֿצוקומען *אין רעוואָלוציאָנערן אויסברוך*; און עס הויבט זיך אָן דאַן די שוידערלעכע טראַגעדיע פון אַזוי־גערופֿענעם *נאַטירלעכן אָפּקלויב*. נאָך אַ לאַנגן היץ־פּעריאָד — בעת וועלכן *דער* פּלאַנצן־מין, פון וועלכן מיר האָבן גערעדט, האָט, (באַנאַנד מיט אומצייליקע אַנדערע וואַריאַנטן פון זיין גראַד,) געווירט אַזוי בשפע, — רוקט אָן אַ לאַנגער פּעריאָד פון אייז, וועלכער דאַרף אַלץ, וואָס איז ניט צוגעפּאַסט, וואָס איז ניט געווען צוגעגרייט צו דעם איצטיקן מאָמענט און עס איז, במילא, ניט־ווידערשטאַנדפעאיק ווי געהעריק — אָן רחמנות, אויסראָטן. דער שטור־מישער אייז־פּעריאָד, דאָס איז — די רעוואָלוציע־עפּאָכע אין דער נאַ־טור; אַזוי־צו־זאָגן — דער איבערגאַנגס־מאָמענט: ווען די גאַנצע עוואָ־לוציע פונעם אוניווערז און פון זיין לעצטן העכסטן אויסדרוק — דעם דורך־אונז־באַשפּראָכענעם פּלאַנצן־מין — געפינט זיך אָפן שייד־וועג... אַז די רעוואָלוציע איז איינגעשטילט, און עס נעמט זיך אויסלייטערן אַ נייע ספער אינעם רוים, — דאַן שטעלט זיך אַרויס, (בדרך כלל גענומען): אַז דער אַלטער פּלאַנצן־מין אין אַלע אומצייליקע וואַריאַנטן זיינע, ד. ה.,

---

* דאָס אַלץ איז אין שטרענגן הסכם מיט העגעלס דיאַלעקטישער לערע (זע זיין „לאָגיק" און „די פילאָזאָפיע פון דער נאַטור"): אַז אַלדאָס פּאַראַנענע ראַנגלט זיך צווישן (פֿאַרקערט אַרום) צוויי צענטערן — אַ אינערלעכן און אַ דרויסנדיקן. אַזוי, פֿאַרקערט די ערד אַרום איר דרויסנדיקן צענטער, די זון, (די צענטריפוגישע גראַווי־טאַציע, די אַטראַקציע, די דינאַמישע אַנטיטעזע,) נאָר, אין דער זעלבער צייט, פֿאַר־קערט זי אַרום זיך גופא. (די רעפּולסיווע צענטריפעטישע קראַפט, די סטאַטישע טעזע.)

אַזוי, ציט זיך די ביאָלאָגישע פּלאַנצן־וועלט, מיט איר אַפּעטיט, צוצופּאַסן צום דרויסנדיקן צענטער, צום אַרום, (צופּאַסונגס־טענדענץ, די צענטריפוגישע גראַוויטאַ־ציע, די אַטראַקציע, די דינאַמישע אַנטיטעזע,) נאָר, אין דער זעלבער צייט, פֿאַר־קערט זי אַרום איר אייגענעם צענטער. (די ירושה־טענדענץ, די רעפּולסיווע צענטרי־פעטישע קראַפט, די סטאַטישע טעזע.)

אַזוי, פֿאַרקערט דער מענטש אַרום זיך גופא, אַרום זיין אייגענעם איניגסטן צענטער. נאָר, צו גלייכער צייט, נעמט ער מאַכן קרייזן אַרום זיין דרויסנדיקן צענטער: אַרום זיין שיכט, אַרום זיין קלאַס, (סיי אין לאַנד־מאַסשטאַב, סיי אין אַלוועלטלעכן,) אַרום זיין פֿאָלק, אַרום דער גאַנצער מענטשהייט; און ווי עס ווערט ווייטער ברייט איבער־געגעבן, אין לויף פון דער שילדערונג.

אין ד ע ר פֿאָרם, ווי ער איז געווען — איז אומדערבאַרעמדיק פֿאַרשוואונדן... עס האָט געזינגט, אַזוי־אַרום, אין אים די ס ט אַ ט י ש ע ט ע נ ד ע נ ץ צוריקצוגיין צום עבר, צו דער ירושה; אונטערצוגיין — נאָר זיך נישט אונטערגעבן... און דאָך — זענען זיינע ליידן, פֿון דעם אַלטן פֿלאַנצן־מין, אויף קיין פֿאַל, נישט געווען אומזיסט. אויס זיינע געדערים, אַזוי צו זאָגן — און אַדאַנק זיינע פֿאַרצווייפֿלטע דינאַמישע אָנשטרענגונגען, מיט אַלע זיינע „חושים", זיך־צופּאַסן צום אַרום, — האָט ער געטון אויסטיילן פֿון זיך (דער נאַטירלעכער אָפּקלויב,) אַ נייעם סינטעטישן מין: וועלכער וועט נעמען פֿירן, פֿון אַצינד און ווייטער, אַ ניי לעבן, אין דער נייער ספֿער און אונטער דער נייער זון...

אָבער — ווי מע שטויסט זיך שוין אָן אַליין — נאָר ביז אַ צייט. ווייל — ניט אַלדאָס סטאַטישע פֿון פֿריער איז אָפּגעגאַן, פֿאַרשוואונדן... אין דער קאָנסטיטוציע פֿון דינאַמישן עלעמענט אינעם קאָסמאָס — אונטער אַלע זיינע דערשיינונגען, אין עקספּאַנסיע, (און אין דעם געגעבענעם פֿאַל — אין דעם נייעם פֿלאַנצן־מין,) — בלייבט אייביק אומאָפּטיילבאַר, אין פּאַטאַלער עקזיסטענץ — דער עלעמענט דער סטאַטישער. (און פֿאַרקערט.) און עס גייט ווייטער אָן, ווי געווען: דער קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, דורך ירושה און צופּאַסונג, אין נאַטירלעכן אָפּקלויב, אין עוואָלוציע און רעוואָלוציע, דורך אומצייליקע פּעריאָדן, אין פּאַרויס; ווייטער אַלץ, איבערן ביאָלאָגישן לייטער; אַזוי, ביז צו די אַנימאַלן, אין זייערע פֿאַרשיידענע מינים: צוערשט — מיט אימפּולס אַליין; שפּעטער — מיט צעבורשעוועטן אימפּולס און דרעמלנדן מאַרך; און צולעצט — ביז צום מענטשן . . .

3

דער מענטש איז — דער העכסטער פֿאַרשטייער פֿון זיין שוועסטער, די פֿלאַנץ; (כּי האָדם עץ השדה;) פֿון זיין ברודער, דעם אַנימאַל. ער איז, צוגלייך — דער פּערפֿעקטסטער אויסדרוק פֿון דער עוואָלוציע און רעוואָלוציע אינעם קאָסמאָס... עס איז קלאָר: אַז ער וועט זיך מוזן זוכן צוצופּאַסן צו דער אַרומיקער וועלט; זי צו דערקענען, כּדי צו קענען עקזיסטירן. אָבער, וויאַזוי?

און עס איז גענוג, אַז מיר זאָלן זיך, אויף אַ מאָמענט, פֿאַרטראַכטן איבער זיין גורל — אין דעם בראשית פֿון זיין לעבן, — דאָס מיר זאָלן גלייך דערזעען: וויאַזוי דער מענטש, (בדרך־כּלל גענומען, ד. ה., דער מענטשן־מין, אין זיינע אומצייליקע בראשיתדיקע טראַנספֿאָרמאַציעס,) אַ געטריבענער דורך דער נויט — נעמט פֿירן זיין קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אָפּקלויב, דורך ירושה און צופּאַסונג.

דער מענטש קומט אויף — נאַקעט און אומבאַהאָלפֿן, אין דער אַרומיקער פֿרעמדער וועלט. אַזוי זעט עס אויס, אַלנפֿאַלס, אויבנאויף גענומען. עס לויערן אַף אים אומצייליקע געפֿאַרן, פֿון אַלע זייטן; און ער אַליין ווייסט נישט דערפֿון. ער איז שטאַרק איינגעוואָרצלט פֿון זיין בלינדן אימפּולס, וועלכער איז — אין דער ביאָלאָגישער יעראַרכיע — רייפֿער אין אים, ווי ל ע ל ט ע ר, פֿון זיין מאַרך; און ער שטויסט אים, זיין בלינדער אימפּולס — ווי די ס ט אַ ט י ש ע ט ע ז ע, די י ר ו ש ה — אַף צוריק: זיך־קאָנסערווירן, אַזויווי ער איז; זיך־אָפּצושליסן פֿיינטלעך פֿון דעם גאַנצן אַרום, פֿון דעם דרויסן; בלייבן אַבסאָלוט איינגעשלאָסן אין זיך... דער מענטש איז נאָך — קינדיש־יונג, אַזוי דווי; און עס רוישט נאָך אין זיין בלינד געמיט דער כאַאָס; דער דראַנג צו דער פֿאַרמלאָזער צעבושעוועטער אומגעצוימטער סטיכיע; דער ירושה־דראַנג צום נישט־זיין...

נאָר — איינרוען מער קאָן ער נישט, דער מענטש. ער ווערט געטריבן דורך דער נויט: דורך הונגער, דורך דורשט, א. א. וו.

און דאָ קומט אים צו הילף, צום ערשטן מאָל, זיין פֿריינט: דער אַליין־נאָך־אומדערפֿאַרענער מאַרך — ד י ד י נ אַ מ י ש ע צ ע־ש ט ע ר נ ד ע אַ נ ט י ט ע ז ע —; וועלכער רעפֿלעקטירט זיין אַקטיוויטעט: זיין פּראָדוקציע, זיין דענקען און נאָכדענקען, דורך סיבה און פֿאָלגע — א י ן א י נ ט ע ל ע ק ט; און וועמעס אויפֿגאַבע עס איז (ווי מיר שטויסן זיך שוין אָן אַליין,): צו פֿירן דעם מענטשן — איבער ז יי ן צ ו פּ אַ ס ו נ ג ס ־ וו ע ג צו דער אַרומיקער וועלט; ד. ה., איבערן וועג צו זיין עקזיסטענץ. ער — דער מאַרך־אינטעלעקט — נעמט אויף די סענסאַציעס פֿון מענטשנס פֿינף חושים, וועלכע זעען דעם אַרום, וועלכע שמעקן אָן די לופֿט א. א. וו., (אַלץ, אין נאָכזוך; געטריבן דורך דער נויט פֿון הונגער, דורשט א. א.); ער קאָרעגירט, צוערשט, די סענסאַציעס ריכטיק; נאָכהער, לייגט ער זיך איבער; און ער גיט אָפּ, ענדלעך, דעם באַפֿעל צום מענטשן: — ער זאָל נעמען באַוועגן זיינע גלידער, זיינע מוסקולן; ער זאָל אונטערנעמען זיין ערשטע עקספּאַנסיע, זיין גאַנג איבער דער וועלט...

שוין דאָ — ווי מיר באַמערקן — פֿאַנגט זיך אָן דער איך־שטרייט איבערן מענטשן: צווישן זיין פּרעטענציעזן פֿאַרבלענדעטן אימפּולס — וועלכער פֿילט אויס כמעט דעם גאַנצן מענטשן־רוים און באַטראַכט זיך פֿאַר זיין איינציקן האַר, — און זיין יונגן באַשיידענעם פֿאָרשערישן מאַרך־אינטעלעקט — וועלכער איז נאָך אַזוי קליין אין וואוקס; וועלכער נעמט ערשט אויפֿגיין; רואיק, אָבער — עקשנותדיק דערלערנען דעם געביט: וואו עס וועט אים אויסקומען צו הערשן; און ו ע מ ע ן עס וועט אים אויסקומען צו באַהערשן...

אַלזאָ: דער ערשטער, דער אימפּולס, הייסט — נישט גיין. דער צווייטער, דער מאַרך־אינטעלעקט, באַפעלט — גיין...

צום גליק פון דעם מענטשן־מין — זיגט דער מאַרך־אינטעלעקט־איך; און ער באַגלייט דעם מענטשן, אין זיין ערשטער אומדרייסטער, גאָר צוגלייך — דרייסטער אוואַנטורע איבער דער וועלט.

איז, אָט וועלן מיר זאָגן: האָט דער יונגער אומדערפאַרענער מענטשן־מין אויסגעשטרעקט זיין בלויזע אומבאַוואָפנטע האַנט צום בעל־חי, וועמען ער באַגערט, אַף צו שטילן זיין הונגער — און געקראָגן קלעפּ, געמוזט צוריקטרעטן... וועלן מיר דאָ גלייך באַמערקן אַצינד אַ פּלוצימדיקן איבערראַשנדן מין טוישן־זיך מיט די ראָלן — אין דעם איך־שטרייט איבערן מענטשן.

דער אומגעצוימטער פאַרבלענדעטער אימפּולס — וועלכער ווייסט נישט קיינמאָל פון קיין שום אָפּהאַלט אין גאָרנישט; אַ צערייצטער, אין זיין הערשזוכט, — וועט ווערן גלייך פאַרענדערט — נישט צום דערקענען; און אַליין ווילד נעמען שטויסן דעם מענטשן — אין די נעגל פון דער געפאַר; (גיין און נעמען!) ד. ה. — צו אַ זיכערן אומקום... און דאָ וועט זיך גלייך אַרויסשטעלן: אַז דער אימפּולס *פאַרמאָגט נישט קיין ווילן צו עקזיסטענץ*; (נישטאָ קיין אַנדער ווילן;) איז גענצלעך אָן כאַראַקטער; ער ווייסט נישט *פון הערשן איבער זיך*; אַז ער ווערט אַליין געשלעפּט דורך זיין בלינדקייט, לויט דער אויסשליסלעכער סיבה און פאָלגע: אַז אַלץ, וואָס ער זעט און באַגערט, איז זיינס (סיבה); מוז עס, במילא, צו אים גלייך געהערן. (פאָלגע). . .

וועט אים — לאָמיר זאָגן — דער מענטש נאָכגיבן: ווידער אַרויפקריכן אַף דער געפאַר, באַניים אַריינקריגן דעם קלאַפּ, — וועט ער, דער אימפּולס, דאַן פּלוצים באַהערשט ווערן דורך אַ בלינדער שרעק, (מחמת דער אומפאַרשטענדלעכקייט פאַר אים פונעם ארום;) און, אין זיין אינזיכישער סיבה און פאָלגע — באַלד אַריינפאַלן אין ווילנלאָזער עקשנותדיקער אַבסאָלוטער רעזיגנאַציע פאַר דער שרעקלעכער פיינטלעכער וועלט, מיט אירע לויערנדע געפאַרן; און ווידער ראָטן דעם מענטשן: זיך נישט צו רירן מער קיינמאָל פון אָרט; אַזוי ווי זוכן שוץ אינעם אומקום — אינעם אויסגיין פון הונגער, לאָז זיין; אָבער, דערפאַר — פּטור־ווערן, איינמאָל אַף תמיד, פון דער נויט מיט אירע זאָרגן; פון דער גאַנצער אַרומיקער פאַרהאַסטער וועלט... אָט אַזוי וועט טון רעפלעקטירן דער בלינדער אימפּולס, ד. ה. פּראָדוצירן זיינע בלינדע שטרעבונגען — אין זיין בלינדער עמאָציע...*

---

* דער אימפּולס, ווי באַוואוסט, פּראָדוצירט בלינדע עמאָציעס; דער מאָרך — לויטערן אינטעלעקט. אויב דעם אימפּולס געלינגט באַהערשן דעם מאַרד, — צווינגט ער

אָבער גאַנץ אַנדערש — ווי מ'ירן באַלד זעען — וועט ערשט רעאַגירן דער מאָרד־אינטעלעקט. ער וועט באַלד אַרויסווייזן כאַראַקטער, ווילן צו עקזיסטענץ, ד. ה. — ד אָ ס ה ע ר ש ן א י ב ע ר ז י ך. און כאָטש דעם מענטשנס נויט — זיין הונגער — איז, אונטערדעסן, נישט געוואָרן שוואַכער, נאָר מסתמא שטאַרקער, — וועט ער אים, צ ו ע ר ש ט — אָפּהאַלטן פון קריכן ווייטער אין גפאַר. ווייל עס איז קלאָר: אַז דער מענטש וויל שטילן זיין הונגער — כדי ניט אומצוקומען; איז: אויב ער וועט, אַצינד — אַזוווי די לאַגע איז — זיך לאָזן שלעפּן דורך זיין בלינדן אימפּולס, — וועט ער זיכער י אָ ־ אומקומען! דאַרומער, וואָרנט ער אים — ער, דער מאָרד־אינטעלעקט, דער פאַרוואַלטער און פאַרזאָרגער פון מענטשנס לעבן, פון זיין עקזיסטענץ —: אַז ער זאָל אַרויסציינן ווילן, כאַראַקטער; ד. ה. זיך־אָנשפּאַרן אַף אים אינגאַנצן — אַף זיין איינציקן פריינט, דעם מאָרד־אינטעלעקט —; און — ערשט — בלייבן שטיין, דער־וייל; זעען צו דערלערנען די לאַגע; דערקענען דעם אַרום און צו אים זיך־צופּאַסן; כדי דערפאָלגרייך צו קענען אַרויס פונעם נסיון און — ענדלעך, צולעצט — באַזיגן דעם אַנימאַל, אום צו קענען שטילן דעם הונגער...

דאָס לערנט ער אים, דער מאָרד־אינטעלעקט — רואיק, באַזאַכט; און ער גייט אָפּ גלייך, אַזוווי אין אַ זייט — וואַרטן אַפן אויסגאַנג...

ערשט נאָכדעם, ווי דער מענטש האָט אים נישט געפאָלגט, זיך־גע־לאָזן מיטרייסן ווילנלאָז פון זיין בלינדן אימפּולס און עמאָציע און, אַלס רעזולטאַט דערפון, גענומען אַריינפאַלן (ווי אויבן געבראַכט,) אין שרעק און אין רעזיגנאַציע, — דאַן קומט ער ווידער אַפער — זיין פריינט דער מאָרד־אינטעלעקט — אַפן פאָדערגרונט; און ער נעמט אים דערמונטעריִן, דעם מענטשן: — ער זאָל קומען צו זיך. נישט — שרעקן זיך דאַרף מען, — נ אָ ר ו ו ע ל ן אַ ל ץ פ אַ ר ש ט י י ן; כדי, צ ו ל ע צ ט: באַזיגן דעם אַנימאַל, די שוועריקייטן און — לעבן־בלייבן...

(...אָ, ווי ער וואָלט שוין באַנומען, אין זיין טיף — דער מאָרד־אינ־טעלעקט — ד אָ ס, וואָס ער האָט, אין זיין שפּעטערדיקער רייפקייט, איינגעזען אַזוי קלאָר: אַז כאָטש ער איז אויפגעגאַן אַזוי שפּעט — אין דער יעראַרכיע פון דער קאָסמישער עקספּאַנסיע, וועלכע האַלט אָן, צו־גלייך, אָן אויפהער, — דאָך, איז ער מסוגל (אַדאַנק זיין זעלטענער איינג־שאַפט צו דענקען אין געקייטלטער אַסאָציאַציע און לאָגישע שלוסן, דורך סיבה און פאָלגע,) צו געווינען צייט; צוריקקלעטערן — אין זיין וויזיע — איבער די שטאַפּלען פון רעוואָלוציע און עוואָלוציע, העט ביז צום אורשפּרונג פון אָנהויבלאָזן עיגול־גאַנג אינעם קאָסמאָס, ד. ה. פון טעזע,

אים פּראָדוצירן אימפּולסיווע אידייען, אין אַ אינטעלעקטועלן לבוש. אויב דער מאָרד־אינטעלעקט ווערט האַר איבערן מענטשן, — דאַן שאַפט ער אַן אייגענע עמאָטיווע וועלט: אַ לויטערע, אַ ליכטיקע... (שפּעטער — גענויער.)

אַנטימיטעזע, סינטעז; כּדי, נאָכהער, אַליין ווידער אונטערנעמען דעם עקספּאַנסיע־וועג אַף־פאָרויס; און אַליין אויסשלאָגן די גאַנצע גאַמע פון עוואָלוציע און רעוואָלוציע — העט ביז צום היינטיקן טאָג פון זיין עקזיסטענץ...)

אַזוי־אַרום, ווייזט ער אים, (דער מאַרך־אינטעלעקט — דעם מענטשן,) ד׳ אַ ס, וואָס ער אַליין זעט ערשט איין — צום ערשטן מאָל, און נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר: אַז ער וועט מוזן פירן אַ קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ... אָבער, וויאַזוי?

דערוויילע, האַלטן מיר ערשט באַם אָנהויב, ד. ה., באַם ערשטן קאָנקרעטן פאַל; איז — לאָמיר צוזעען, וואָס ווייטער פאָלגט.

איינמאָל באַפרייט דעם מענטשן (לאָז זיין — אַפּן מאָמענט,) פון זיין אימפּולסיווער בלינדקייט מיט דער שרעק און מורא, — אַזוי לערנט ער אים ווייטער — (זיין פריינט, דער מאַרך־אינטעלעקט, מיט זיין לויטערער אויסלייגונג פון סיבה און פאָלגע): צו פאַרשן ערנסטער און גרינטלעכער דעם אַרום, — וועט ער, מסתמא, אויסגעפינען דאָס נויטיקע בליזיין — דעם שטיין, צי דעם שטאַנג — וואָס זאָל אים העלפן דערשלאָגן דעם אַנימאַל, אום צו שטילן זיין הונגער... און ווען דאָס אַליין איז אַלץ ווינציק, — דאַן לאָזט ער אים, חלילה, ניט פאַרצווייפלען, (דער מאַרך־אינטעלעקט — דעם מענטשן, אין זיין נויט;) און ער דערטראַכט זיך, (אַלץ, לויט זיין קלאָרער גיכטערער אויסקייטלונג פון סיבה און פאָלגע): אַז עס וועט זיין נויטיק, אפשר, צו זוכן די הילף פון זיין מיט־מענטש, ד. ה. פון דער אַסאָציאַציע;* כּדי, מיט געמיינזאַמע כּוחות, צו באַזיגן דעם

---

* אַזוי־אַרום, ווערט קלאָר: אַז 1 + 1 = 2 איז נישט, אייגנטלעך, קיין ריין־אַבסטראַקטע גערעכנט־עקזאַקטע אַסאָציאַציע־דערגרייכעניש אַז־און־פאַר־זיך, אַ געבוירענע ערגעץ אין די מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע הויכן, אָן וועלכער נאָפּל־פאַרבינדונג מיט לעבן: נייערט, פאַרקערט: אַז דאָס איז, פאַר אַלעמען — אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַלע דערגרייכעניש פונעם פּרימיטיוון מענטש, אין זיין רויען הארטנעקיקן אַלטעגלעכן, (עס הייסט, הומאַניטאַרן,) קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ; און ערשט דערנאָך — אין אַפּליף פון אומצייליקע דורות — ווערט, דורך פּריווילעגירטע געלערנטע, זיין שווער־אויסגעקעמפט וויסן אַף די שלאַכטפעלדער פונעם לעבן אויפגעהויבן און דערהויבן ביז צו אַ וויסנשאַפט, עס הייסט, אַ דיסציפּלין; וועלכע פּרעטענדירט, כּלומרשט, צו נעגירן איר שורש, פאַרלייקענען איר הומאַניטאַרן שטאַם און נעמען ציען ווייטער — אַ זעלבסטשטענדיקשטאָלצע אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ — ווי דאָס געטלעכע הימלישע וויסן אַלציינס; וואָס, בלויז פון צייט צו צייט, באַוויליקט עס צו גידערן פון די הויכן און צוואָרפן אָרעמע ברעקלעך פאַר דער מענטשהייט...

נייז. היינט צו טאָג, איז שוין קלאָר: אַז די וויסנשאַפטלעכע דיאַלעקטישע אַסאָציאַציע 1 + 1 = 2 איז — אַ בינדלעכע קולטור־געשיכטלעכע דערגרייכעניש; עס מיינט — אַ גוואַלדיקע סאָציאַלע איבערקערעניש אינעם גערעכנט־אויפמאַרש פון פּרימיטיוון מענטש; וועלכער האָט זיך, דאַדורך, מיט דער צייט, באַפרייט פון דער שרעקלעכער מעטאַפיזישער לאַסט, וואָס האָט אים געהאַלטן געפּלעפט און טעראָריזירט מיט דער דראָונג: אַז 1 + 1

אנימאַל, אַף צו שטילן דעם הונגער; און, בכלל, בייצוקומען די אומצייליקע ווייטערדיקע געפאַרן, וועלכע לויערן אַף דעם מענטשנס לעבן — אין זיין שווערן אוימוויפהערלעכן קאַמף, וואָס עס שטייט אים פאָר, אין זיין עק־זיסטענץ...

4

אַזויאַרום, זענען מיר געווען אָקאַרשט עדות פון דעם טראַנסצענדענ־טאַלן פאַל: וויאַזוי דער מאַרך־אינטעלעקט האָט איינגעשאַפט פאַרן מענ־טשן זיין ערשטע עקספּעריענץ אינעם לעבן, און אים באַוואויגן איבער איר זיך צו פאַרטראַכטן.

עס איז איז קלאָר: אַז דער נצחון פאַרן מענטשן איז נאָך נישט גע־קומען באַלד, מיטן ערשטן פאַל. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן — קיין איין רגע, אין דעם בלינדן אימפּולס: וועלכער בלייבט, אימער — בלינד־איינ־געשלאָסן אין זיך: אין זיינע פינצטערע טענדענצן צו ירושה, טויט, שרעק און אומקום; וועלכער וויל נישט וויסן פון קיינע עקספּעריענצן, פון קיי־

בלייבט אימער 1 + 1, יאַז אַסאָציאַציעס, אַז בינדונגען: ווייל, אימער, בלייבט איטלע־כער — איינער אַליין, עלנט צווישן הימל און ערד הענגען און אויסגעשטעלט אַפן גרויסן גענאַד פון דעם איינונייענציקן איינס — דעם גאַטן... ניין. אין זיין גליקלעכער פּלעצלעכער אויפלויכטונג, — האָט דער דענקענדער פּרימיטיווער רעבעל־מאַן אַנט־פּלעקט דעם אַלמעכטיקן אומבאַהערשלעכן כוח פון זיין גורלדיקער אַסאָציאַציע מיטן חבר דעם מיטמענטש: מיט וועמען, צוזאַמען, זיי זענען שוין — צוויי, פיר, און אַזוי אַז אַ סוף. עס וואַקסט זייער מוט צום פאַרמעסט קעגן פיינטלעכן הימל; זייער גריי־לעכער גלויבן אין זיך און אין דער מענטשנקייט, וועלכער עס איז באַשערט אויס־צולייזן די וועלט פאַרן מענטש...

עס הייסט — עקזאַקטער גערעדט: אַז דאָס האָט דער מענטשלעכער געדאַנק, לויט זיין איינגעשאַפט צו טראַכטן דיאַלעקטיש: אין דער בינדלעכקייט פון אַנטיטעטישן גע־ראַנגל אין אים, (ווי, בכלל, אין אוניווערס,) צווישן די עלעמענטן פון טעזע און אַנטי־טעזע, דעם פאַר און דעם קעגן, (סיבה), וואָס פירט אים, דעם נאַטור־געדאַנק זעלבסט -· אַן קיינער איבערנאַטירלעכער אינטערווענץ — צו ציען דעם שלום פון סינטעז, (פאָלגע), —] געלערנט דעם אומדערפאַרענעם פּרימיטיוון איינזאַמען מענטש — דעם אַכּאַציאַלן איינס, (טעזע), אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, —: אַז ער זאָל זוכן די הילף פון אַ צווייטן איינס זיינס גלייכן, עס הייסט, פון זיין מיטמענטש, (וועמען ער האָט גאָר, ביז איצט, באַטראַכט פאַר זיין שונא — די אַנטיטעזע): כּדי, אין נאָמען פון ביידנס אינטערעסן, (סיבה), — זאָלן זיי זיך סינטעטיש צוזאַמענגיין. (פאָלגע) און בילדן אַ נייעם קרעפטיקן סאָציאַלן איינס (1 + 1 = 2) -- די פרייע מענטשלעכע אַסאָציאַציע...

אַלזאָ, עס איז קלאָר: אַז עס עקזיסטירט ניט אין ערגעץ אין דער נאַטור דער באַ־גריף: 1 + 1 = 2, — אומאָפּהענגיק אַז־און־פאַר־זיך — אויסערהאַלב דעם מענטשנס סאָציאַלן מאַרך; נייערט, אַז דאָס איז — אַן אויסשליסלעכע־סאָציאַלע אַנטדעקונג. (שפּע־טער — גענויער.)

נער דערפארונג און צופאסונג; וועלכער וויל גארנישט דערלערנען פונעם לעבן — אין זיין ווילד־צעיושעטן האס צו דער גאנצער ארומיקער וועלט. און ווען ער איז געצוואונגען מיטצוגיין מיטן מענטשן, (וואס ווערט געטריבן דורך דער נויט און געווארנט כסדר דורך זיין פריינט דעם מארך־אינטעלעקט,) אין זיין ווייטערדיקער עקספאנסיע איבער דער וועלט, — אזוי גיט ער נישט אויף, דער אימפולס, אף איין רגע — זיין פינצטערצעבושעוועטן קאמף איבער מאכט אין דעם מענטשנס רוים; און ער ווערט נישט מיד־קיינמאל צו אטאקירן זיין בלוטיקן ריוואל, דעם מארך־אינטעלעקט... ער לויערט, באטאג און באנאכט, אף זיין שונא: אים צו פאסן, אין אַ שוואכן מאמענט — אום דאן לייכט צו קענען פארשלעפן דעם ווילנלאזן מענטשן, צוזאמען מיט זיך, אין אַ אפגרונט...

אָבער — אויך דער לעצטער, דער מארך־אינטעלעקט, (דער דינאמישער עלעמענט אינעם מענטשן,) איז אומדערמידלעך אין זיין טעטיקייט: אין זיין שטענדיקער רואיקער נאכפארשונג פון דער ארומיקער וועלט, פון דער רעאליטעט אין דער נאטור, צו וועלכער ער זוכט אן־אויפהער צוצופאסן דעם מענטשנס עקזיסטענץ; ווי אין זיין רואיקן נאכפארשן די בלינדע טבע פון דעם סטאטיש־קאנסערווירנדן עלעמענט אינעם מענטשן גופא — אט דעם פאטאלן אומפארמיידלעכן באגלייטער זיינעם, וועמען ער האט שוין געטראפן אינעם מענטשן — פ א ר ז י ך, (פ א ר ן מארך,) ווי אַ אינטעגראלע טייל פון זיין, דעם מענטשנס, לעבן...; אט דעם תמיד־בלינדן אומפארענדערלעכן אימפולס, מיט זיין ווילנלאזן דראנג צו אויפלייז; (אדער — ווי איך האב אים פארמולירט, דעם אימפולס,נאך אין מיין בוך „די מאסע און אירע דערלייזער" — אין זיין „דינאמישן" דראנג אף צוריקצואוועגס צו כאאס; אין זיין אזויגערופענעם גאנג צו אומקום...) ער, דער מארך־אינטעלעקט — אין זיין לויטערער ווי־זיע וועגן דער וואר פון דער נאטור — נעמט איינזעען קלאר: אז די רעאליטעט פון אוניווערז, זיין קאנסטיטוציע, די אומארגאנישע ווי די ארגאנישע, מיינט: אי ס ט א ט י ש ע טענדענץ — מיט אלע אירע אויסוויקלונגען, — פונקט ווי די ד י נ א מ י ש ע טענדענץ — מ י ט א י ר ע; אז סטאטיק איז פונקט אזוי גוט — אייביקע קאנסטיטוציאנעלע רעאליטעט, ווי דינאמיק; און אויב ער, דער מארך־אינטעלעקט, ציט זיין שורש — דורך אלערליי אייז־עפאכן — פון אור־דינאמישן עלעמענט אינעם קאסמאס, — איז דער אור־סטאטישער עלעמענט פון קאסמאס — דער פאר־שטאם פונעם שווערן אומבאוועגלעכן אימפולס... (וועלכער האט דורכגעמאכט זיין טויפונג — מערער ווי אין איין היץ־פעריאד...) עס הייסט: אז אימפולס, פונקט ווי מארך־אינטעלעקט, איז — אומפארמיידלעכע, איז אומפארלענדבארע וואר, רעאליטעט. מע דארף, דארום, טראכטן, זוכן אַ וועג: וויאזוי דעם בלינדן פארביסענעם אימפולס צו צוימען, מיט

כּאַראַקטער; און, מיט דער צייט — אפשר נעמען ריכטן זיין בלינדע ענערגיע צו ווערן די טרייב־קראַפט צו שאַפונג, צו קאָנסערווירן דאָס ווייטערדיקע, דאָס נייע אַנטשטאַנענע לעבן...

נאָר, דערווייל — ווילן מיר צוריקקערן ווידער צום אָנהויב, ד. ה. צו יענעם ערשטן פאַל אינעם מענטשנס לעבן, ווען ער האָט — אַדאַנק דעם מאַרך־אינטעלעקט — זיך אָנגעשטויסן אָף זיין ערשטער עקספּעריענץ: אָף דער דערפאַרונג, וויאַזוי צו דערקענען די רעאַלע וואָר פון דער אַרומיקער וועלט.

מיר האָבן אָבער דערקלערט: אַז דער ערשטער פאַל האָט בלויז באַוואויגן דעם מענטשן זיך צו פאַרטראַכטן; זיך נאָך אַלץ נישט שפּירן זיכער מיטן ווילן; נאָך אַלץ ווערן גהעצט דורכן אימפּולס צום ווידערשטאַנד... און בלויז, ווען אָט דער פאַל האָט זיך ווידערהאָלט, ע נ ל ע ך — נאָך אומצייליקע מאָל; און דער מענטשן־מין, געטריבן דורך דער נויט — האָט שוין געהאַט ביטער באַצאָלט, פאַר זיין בלינדער עקשנות, — האָט ער, ענדלעך, געמוזט נאָכגעבן; אָנערקענען זיין עקספּעריענץ פאַר ריכטיק און, לויט איר — זיך־ריכטן, אין דער צוקונפט.

מע דאַרף אָבער פאַרשטיין: אַז דעם מענטשנס לעבן, אין זיין עקספּאַנסיע, ד. ה., אין זיין ווייטערדיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — האָט זיך נישט אָפּגעגרעניצט בלויז אָף דעם באַשפּראָכענעם פאַל, אין זיינע אומצייליקע ענלעכע ווידערהאָלונגען; און אַז עס זענען געגאַן אָפן מענטשן אומויפהערלעך — נייע און אַנדערשדיקע פאַלן פון קאַמף, וועלכע האָבן געפאָדערט די גאַנצע ענערגיע און אָנשטרענגונג פון זיין מאַרך־אינטעלעקט, אום זיי צו דערפאָרשן און גרינטלעך צו דערקענען. אַזויאַרום, האָט דער מאַרך־אינטעלעקט געמוזט פאַרבלייבן פריי פון זיין ערשטער דערגרייכטער עקספּעריענץ; זי נישט געקאָנט טראָגן כּסדר, ווי אַן עול, איבער זיך; זיך געמוזט פון איר באַפרייען, נאָר, צוגלייך, זי נישט אָפּמעקן: אַז עס זאָל נישט פאַרלאָרן גיין זיין מי אינגאַנצן...

און ער האָט זיך גענומען פאַרטראַכטן, דער מאַרך־אינטעלעקט, איבער זיין אייגענער טיפער קאַפּאַציטעט צו לייזן זיינע אינערלעכע פּראָבלעמען...

אַזוי לאַנג, — ביז ער האָט, צ ו ע ר ש ט, אַנטוויקלט אין זיך דעם זיכּרון, (דענקען מיינט — געדענקען;) וואוהין ער האָט דעם ערשטן פאַל ד ע פּ אָ ז י ט י ר ט, ווי אין אַ שאַצקאַמער; און איטלעכס מאָל, ווען די סענסאַציעס פון די חושים האָבן אים אונטערגעטראָגן דעם פאַל — אין זיין ענלעכקייט, — האָט ער שוין נישט באַדאַרפט, ווי פריער, זיך באַנייען אָנשטרענגען, פאַרלירן צייט און ענערגיע, אום צו אויסגעפינען די לייזונג, פּאַסן זיין באַשלוס און אָפּגיבן צוריק (צו די מוסקולן) דעם געהעריקן באַפעל. איצט, איז גענוג געווען אַ בלעטער־טון אין דעם

ספר־הזכרונות — דארט, וואו עס איז געבליבן פארצייכנט עקזאקט דער פאל מיט זיין לייזונג,* — און דער געדאנק זאל שוין קענען אפגיבן, אן איבעריקן צייט־פארלוסט, דעם נוימיקן באפעל פאר דער טואונג...**

דאס איז געווען, אזוי צו זאגן — *די ערשטע פאזע*, אפן וועג צו לייזן דאס פראבלעם. דאדורך — ווי מע זעט — האט דער מארך־אינטעלעקט *זיך־באדייטנד באפרייט* פון דער לאסט: צו דארפן איבערטראכטן, איטלעכס מאל, יעדן ענלעכן פאל — פון אנהויב ביזן סוף; אבער דאך — נישט אינגאנצן באפרייט... ביז וואנען — עס איז אים, ענדלעך, געלונגען, *אין דער צווייטער ענד־גילטיקער פאזע*: צו לאזן דעפאזיטירן *קאנסערווירן* דעם לאנג־אויסגעפרובירטן פאל, ד. ה., די עקספעריענץ פון דער איבער־לעבונג — *אין דעם מענטשנס געמיט*, אין זיין בלוט; פארוואנדלען, אזויארום, *דעם געדאנק פון נעכטן* — אין דעם *שכלדיקן געפיל* פון היינט; אז, פון אצינד און וייטער: ווען דער ענלעכער פאל זאל אונטערקומען דעם מענטשן אין לעבן — זאל מען זיך שוין מאגן אנפארטרויען דירעקט אף דעם געפיל זעלבסט, (ממש — אן דער מינדסטער אינטערווענץ פון מארך־אינטע־לעקט און זיין זכרון,): אז עס זאל וויסן, דאס געפיל — וויאזוי צו ריכטן דעם מענטשנס טריט און אים ארויספירן פון דער געפאר... (אט דער *שכלדיקער „אינסטינקט" פון זעלבסט־דערהאלטונג*; נישט צו פארטוישן אף דעם אזויגערופענעם „אינס־טינקט פון דערהאלטונג, פון קאנסערווירונג": וועלכער איז א ריין־אימ־פולסיווער, און זיין טענדענץ איז — א רעגרעסיווע צו טויט. שפעטער — אויספירלעך.)

אט דאס שכלדיקע געפיל — דארף מען וויסן, ליתר הסברה — איז

---

* פראפעסאר פאוולאווס אזוי־גערופענע — תנאי־רעפלעקסן.

** שפעטערדיקע אויספארשונגען האבן מיך באוואויזן צו ברענגען פאלגנדע אויפ־קלערונג: זיכרון איז, אייגנטלעך — רעפראדוקציע, ווידערהאלונג, ירושה; און עס האט, אזויארום, צו טון מיט דער טעזע־טענדענץ. במילא, ווערט קלאר: אז דער זיכרון פון באוואוסטזיין באזירט זיך אף די טעזע־טיילן פון די מארך־קעמערלעך, (מיט א פרעדאמינירנדער אנטיטעזע־טענדענץ;) וועלכע געבן איבער בירושה (פארגערנקען) דאס, וואס די אנטי־טעזע־טיילן פון די זעלבע מארך־קעמערלעך האבן אנטדעקט. דורך דענקען; אט די גאנצע דערפארונג און דערגרייכטע עקספעריענץ פון מענטשנס קולטור־געשיכטע.

דאקעגן, אין די קעמערלעך פון אימפולס (מיט א פרעדאמינירנדער טעזע־טענ־דענץ,) גייט איבער בירושה — דער בלינדער זכרון פון אטאוויזם: אט די גאנצע אונטערוועלט פון כאאס, מיט איר אייגענער אנגעזאמלטער עקספעריענץ און אומפאר־ענדערלעכן דראנג צו אומקום... (די דאזיקע אידייע דארף, בא א אנדער געלעגנהייט, באדייטנד אויסגעברייטערט און פארטיפט ווערן.)

ניט עפּעס אַנדעריש: ווי דאָס (וועלן) גיין, צי שטיין בײַ דעם מענטשן, וועלכער האָט — ווי מיר זעען — אַלס קינד, ווען ער האָט זיך געלערנט אין דעם, — געמוזט דערויף פֿאַרווענדן זײַן גאַנצן געדאַנק און נישט געקאָנט גאָר אַ קלער־טון עפּעס אַ חוץ; דאַקעגן, שפּעטער, ווען ער האָט דאָס אָנגעייגנט, — האָט ער עס פֿאַרוואַנדלט אין געפֿיל; אַף אַזוי ווײַט, — אַז זײַן פֿאַרנומענער געדאַנק אין אַנדערע ענינים באַמערקט אָפּט ניט — ווײַל עס איז ניט נויטיק: צי ער גייט גאָר אײַנגאַנצן...

אַזוי־אַרום — האָט דעם מענטשנס מאָרך־אינטעלעקט, אַגב, נישט נאָר זיך־באַפֿרײַט פֿון אַ איבעריקער לאַסט, — נאָר ער האָט דערגרייכט נאָך עפּעס, ממש — איבעררעשנדס; נעמלעך: ער האָט פֿאַרלייגט דעם יסוד פֿאַר אַ נײַער שכלדיק־קאָנסערווירטער געפֿיל־וועלט, פֿאַר אַ נײַער לויטערער וועלט פֿון עמאָציעס; און, גלײַכצײַטיק, דערזען פֿאַר זיך פּלוצים די טראַנסצענדענטאַלע פּערספּעקטיוו: מיט דער צײַט — פֿולשטענדיק צו טראַנספֿאָרמירן די בלינדע כאַאָטישע עמאָציע־וועלט פֿונעם אימפּולס; זי, בהדרגהדיק, אײַנגאַנצן צוימען, די פֿינצטערע עמאָציע־וועלט פֿון דעם אַף־תמיד־בלינד־געבליבענעם אימפּולס; און, אין איר אָרט, אײַנשטעלן אַ נײַע ליכטיק־קאָנסערווירטע עמאָציע־וועלט פֿון שכל־געפֿיל (בינה שבלב.) עס הייסט: באַנײַען אין דעם מענטשן זײַן בלוט, זײַן געמיט, זײַן הארץ, זײַן גאַנצן מהות; אָפּשאַפֿן אין אים אַלדאָס אונטערערדישע, כאַאָטישע, פֿינצטערע; דערדריקן אין אים דעם לעצטן שפּור פֿון שווערער לאַסטנדער ירושה־פּאַטאַליטעט; אײַנשטעלן אין אים אַ נײַע ירושה־טענדענץ — אַ שכלדיק־געפֿילטע; ממש: אים איבערשאַפֿן, דעם מענטשן — פֿון גרונט ביז גרונט — פֿונדאַסנײַ...*

5

אָט דער דאָזיקער אויבן־געבראַכטער געדאַנק קומט אונז פֿאַר אַליין אַזוי מערקווירדיק־נײַ, — אַז מיר וועלן מוזן זײַן אויסוויקלונג לאָזן דערווײַל אינדערמיט, מיטן פֿאַרשפּרעכן: בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, זיך־

* די דאָזיקע אידייע, אַגב — פֿון געדאַנקען, וואָס ווערן, מיט דער צײַט, פֿאַרוואַנדלט אין דעפּאָזיטירטע געפֿילן — קלערט אויף, זייער מערקווירדיק־אײַנפֿאַך, נאָך אַ פּראָבלעם: הלמאי מיר פֿאַרגעסן שנעל דאָס נעכטן־געהאַט־פּאַסירטע — בעת מיר געדענקען אויסגעצייכנט אַ געשעעניש פֿון ווי לאַנג... איצט, קומט אונז פֿאַר, דאַרף די דערקלערונג זײַן פֿאָלגנדע: די נעכטיקע אייַנציקע פּאַסירונג האָט נאָך צו טון כמעט־אײַנגאַנצן מיטן געדאַנק, און זי איז נאָך נישט דערגאַנגען אַפֿילו רעכט צום זכרון, ווײַל זי איז —איינציקער ערשטער פֿאַל, וועלכער לאַסטעט אײַנגאַנצן אַפֿן מאָרך. דאַקעגן, די געשעעניש פֿון ווי לאַנג, — ווער ווייסט, וויפֿל מאָל זי האָט זיך שוין געהאַט ווידערהאָלט, אָנגעשפּאַרט אין זכרון: ביז זי איז, צולעצט, געבליבן רעפּאָזירט — אַזוי, ביז הײַנט — אַלס טיף געפֿיל...

באַניים צו אים אומקערן; און ערשט, וועלן מיר זיך שוין קענען נעמען אומגעשטערט פאַר דעם ווייטערדיקן מער־גרינטלעכן אַנאַליז פונעם מענטשנס ערשטער עקספּעריענץ אינעם לעבן, אַלס קאָנסעקווענץ פון זיין ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער אַרומיקער נאַטור...

נאָכאַמאָל: וואָס־זשע האָבן מיר געזען: וויאַזוי דער מענטש האָט — מיט דער הילף פון זיין מאַרך־אינטעלעקט — זיך־באַפרייט, אויף אַ מאָמענט, פון זיין בלינדן ווילנלאָזן אימפּולס; ער האָט באַקומען כאַראַקטער און געגומען נאָכדענקען רעאַל, אין שכלדיקער סיבה און פאָלגע, וועגן דער לאַגע; ביז וואַנען ער האָט געפּאַסט זיין באַשלוס צו זוכן די הילף פון זיין מיטמענטש, כדי צו קענען אַרויס דער זיגער, אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אָבער, אַט דער ערשטער שריט זיינער, דעם מענטשנס, אין זיין עוואָלוציע־גאַנג איבער דער וועלט, — האָט אים דאָך, ממש — אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן, גענומען און פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם! ערשט פריער — פאַר דעם אָפּשלוס פון פאַרלאָפענעם פאַל, — איז דער מענטש געווען — ווילנלאָז, אָן כאַראַקטער; געשלעפּט און געשטויסן, דורך זיין בלינדן זינלאָזן אימפּולס, (ווי מיר האָבן דאָס צוגעזען,) אין אַלע זייטן; באַהערשט: אַט — דורך אומגעצוימטער הערשזוכט, אַט — דורך שרעק, וועלכע האָבן אים (ביידע) געטריבן צו אומקום. דאָס אַלץ איז געווען! — ערשט מיט אַ מאָמענט פריער: ווען ער, דער מענטש, איז אויך געווען — א ס אָ צ י אַ ל א י נ ג אַ נ צ ן. דאַקעגן, אַצינד, דורך דעם פאַרלאָפענעם פאַל — האָט דער מענטש אַנטדעקט אין זיך, אומגעריכט, די אייגנשאַפט פון כ אַ ר אַ ק ט ע ר; וואָס האָט אים געגעבן ווילן און מאַכט איבער זיך: צו צוימען די בלינדע הערשזוכט; צו באַהערשן די שרעק פון זיין בלינדן אימפּולס, כדי צו קענען אַרויס דער זיגער.אָבער, דאָס האָט דאָך געמיינט: אַז ע ר א י ז ג ע וו אָ ר ן ס אָ צ י אַ ל, און פאַרלייגט די ערשטע אַסאָציאַציע אין דער וועלט, צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם מיט־מענטש. ד. ה., אין אַנדערע ווערטער: אַז ער האָט געצוימט די בלינדע אומבאַגרעניצטע באַגערן פון זיין אימפּולס, וועלכער האָט געפּאָדערט אַלץ פאַר זיך — און אָנגערקענט די רעכט פון דעם מיט־מענטש: וועלכער האָט אים געהאָלפן אין דעם זיג, און עס קומט אים, דערום, זיין חלק אין דער טראָפּעע... אַט דער שכלדיקער אַרט באַנעמען די לאַגע, אַט דער לאָגישער טראַכטן, אין סיבה און פאָלגע, האָט געמיינט: אַז דער מענטש גייט דערקענען ריכטיק די רעאַליטעט פון זיין אַרום און צו איר לערנט ער זיך צופּאַסן — אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צו זיין אַסאָציאַלער כאַאָטיש־פאַרבלענדעטער און ווילנלאָזער אימפּולס־ירושה פון פריער...

6

ווי געזאָגט: געטריבן דורך דער נויט, — האָט דער מענטש, (דורך די סענסאַציעס פון זיינע פינף חושים: דורכן זעען, אָנשמעקן א. א. וו.,) גענומען, צום ערשטן מאָל, באַגרייפן, מיט דער הילף פון זיין מאַרך־אינטעלעקט — זיין רעאַלע אָנגעהעריקייט צו דער וועלט; גענומען באַגרייפן אירע עלעמענטן, וואָס זי אַנטהאַלט און וועלכע זענען אומבאַדינגט און דרינגענד פאַר אים, כדי זיינע נויטן צו שטילן. אַזויאַרום, האָט דער מענטש דערשפּירט און באַגריפן, צום ערשטן מאָל, דעם גריילעכן באַטייט פאַר אים: פון דער וואַרעמקייט, פון וואַסער, פון שפּייז. דאָס האָט אים טיף אויפגעטרייסלט פון זיין ביז־איצטיקער אומדיפערענטקייט צו דער אַרומיקער וועלט; און דאָס האָט געמאַכט אויפגיין אין אים, צום ערשטן מאָל — דעם באַגער צו אָנייגענען, צו באַקומען.
אָבער, ווי מיר האָבן געזען אויבן: האָט ער דאָס נישט באַוויזן צו דערגרייכן אַנדערש, ווי ערשט אינערהאַלב זיין אַסאָציאַציע — וועלכעס האָט געפאָדערט, גלייכצייטיק, ווי דערמאָנט, אָפּצוגיבן דעם מיט־מענטש זיין חלק. האָט דאָס ווידער געלערנט דעם מענטשן, אַדאַנק דער שכלדיקער סיבה און פאָלגע, צו באַנעמען: אַז די אָנייגעניש פון אייגנטום קאָן נישט געשעען אַנדערש — ווי נאָר, ווען עס נעמט גילטן מיינס און דיינס; ד. ה. — אינערהאַלב דער אַסאָציאַציע. ווייל עס גיבט ניט קיין אייגנס — אָן פרעמדס; וועלכעס מע טאָר נישט באַרירן: ווייל מיר זענען דאָך דאָס שולדיק — יענעם, דעם צווייטן, (און נאָך מיט אַ דאַנק, דערצו;) וואָס האָט דאָס ערלעך פאַרדינט, מיט זיין מי, און נאָך אונז געהאָלפן אַרויס מיט נצחון...

אַזוי זעען מיר: ווי דער מענטש האָט זיך בהדרגהדיק דערטראַכט, (לויטן שכלדיקן אָרט דענקען אין סיבה און פאָלגע,) צום רעאַלן לאָגישן באַגריף פון סאָציאַל אייגנטום; צו דער לאָגישער באַגרינדונג פון סאָציאַלער אַרבעט; און צום געדאַנק פון סאָציאַלער שולד און דאַנקבאַרקייט לגבי זיין מיט־מענטש; צו אָט דעם געדאַנק, וואָס גייט, מיט דער צייט, ווערן — שכלדיק געפיל און אָפּגעלייגט־דעפּאָזיטירט אין דער לויטערער געפיל־וועלט פון דעם נייעם סאָציאַלן מענטש — ווי די באַזיע פון דער מאָראַל...*

---

* די דאָזיקע מאָראַל איז — אַ סאָציאַלע, ד. ה.: זי באַצוועקט דעם מענטשן און זיין געזעלשאַפט צו דערהאַלטן. אָבער אויך דער אימפּולס פּראָדוצירט אַ „מאָראַליש" געפיל פון כלומרשטער שולד, חרטה און געוויסנפּיין; נאָר וועלכעס באַצוועקט דאָס קעגנגעזעצטע: צו טרייבן דעם מענטשן צו זעלבסטמאָרד; ד. ה. — צו אַלגעמיינעם אומקום. (שפּעטער — גענויער.)

(אזויאַרום: פּרעזענטירט זיך דער באַגריף אייגנטום — פּאַר אַלעם — אַלס דערקענטעניש: ווען דער מענטש דערקענט אין זיך זיין ווערטפולן אוצר, וואָס ער פּאַרמאָגט — זיין אינטעלעקט — און ער נעמט אים, פון דאַן און ווייטער, אַלץ מער אָנייגענען, ד. ה. דערפאַרשן זיינע איינגנשאַפטן. דער מענטש נעמט דאַן ווערן — איינגן צו זיך אַליין; גע־הערן צו זיך; ד. ה. אינטעלעקטועל — זיך אַליין באַהערשן. איצט — אין זיין סאָציאַלן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — הויבט אָן דער מענטש די אינ־טעלעקטועלע דערקענטעניש, אָנייגעניש און באַהערשונג פון דער אַרומי־קער וועלט; ער נעמט ראַציאָנעל טיילן דאָס אָנגעייגנטע, בא דער הילף פונעם מיטמענטש, פון דער אַסאָציאַציע — אויף מיינס און אויף דיינס; ער שאַפט, אַזויאַרום, זיין סאָציאַלע קולטור־געשיכטע.

אייגנטום מיינט — אָנייגענען קולטור, באַלויכטן, באַזינגען, באַ־גרייפן, אויפנעמען, פאַרשטיין. און, גלייכצייטיק, איז אייגנטום — דער געזונטער קולטור־אויסדרוק פון סאָציאַלער דערגרייכונג, פון סאָציאַלער איינזאַמלונג; פון קלאָרן סאָציאַלן דיפערענצירן — וועלט, היים; איינ־שטעלן אַ גבול, אַ תחום, אַ סאָציאַלע צוים, אַ מחיצה פאַר מיינס און פאַר דיינס.

אייגנטום פאָדערט — אינטימיטעט פון אָנגעייגנטער סאָציאַ־לער משפחה, אינטימיטעט פון סאָציאַלן בונד פון מאַן און פרוי, — נישט ווינציקער, ווי די אינטימיטעט — צוליב סאָציאַלן אָנייגענען קולטור.

אייגנטום איז — די סאָציאַלע דאַמבע קעגן הפקרות; קעגן אַט דעם אור־פרימיטיוון זכר־רוף פונעם דזשונגל: צו טויטן דעם אַלט־געוואָ־רענעם „ער"־טאַטעם — כדי צו קענען פאַרכאַפּן אַלע זיינע „זי'ען", פאַרן אייגענעם לוסט־געגוס; קעגן באַאַטיש אימפּולסיוון אַנטיסאָציאַלן דראַנג — אַלץ צו פאַרשלינגען, אַלץ אָנרויבן, אַלץ „אָנייגענען" פאַר זיך; קעגן אַט דעם ווילדן דראַנג, וועלכער טרייבט, אין זיין אונטערשטער שורה — צו אַלץ־פאַרלענד, צו אַלצפאַרניכטונג, צו אומקום.

אייגנטום מיינט — פאַר אַלעמען — ווערן אייגנטימער איבער זיך. עס איז דער סאָציאַלער דראַנג פון מענטשנס אינטעלעקט־איך: צו ווערן האַר איבער די אייגענע גיטער; צוימען די באַאַטיש־אימפּולסיווע מאַסע אין זיך; שטום־מאַכן איר בלינד־צעיושעטן איך־געשריי; און גיין שליסן אַ אינטעלעקטועל־סאָציאַלן בונד מיט אַזוינע, ווי ער; פאַר־לייגן דעם יסוד און בויען דעם בנין פון דער באַוואוסטזיניקער מענטש־לעכער אַסאָציאַציע.)

עס הייסט, אין רעזומען: דער מענטש, — וועלכער איז, נאָך נעכטן, געווען — אַסאָציאַל אינגאַנצן, (אפילו נית — אַנטי־סאָ־ציאַל — ווייל עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין שום שפור פון אַסאָציאַציע;) אַמאָראַליש אינגאַנצן, (אפילו נישט — אַנטי־

מ אָ ר אַ ל י ש — ווייל עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט אין ערגעץ קיין שפּור פון מאָראַל); און לגמרי — אָן ווילן און כאַראַקטער, (ווייל דער מאָרך־אינטעלעקט אַליין אפילו האָט נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט חושר צו זיין אין זיך אָט די איינגנשאַפט), — איז — אַדאַנק דעם ערשטן איבער־דערמאָנטן פאַל, אין דער עוואָלוציע פון זיין לעבן — געוואָרן, (ווי געזאָגט — אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן,) טראַנספאָרמירט — אין אַ סאָציאַלן מאָראַלישן מיטגליד פון דער ערשטער אַסאָציאַציע אין דער וועלט — פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; און דאָס אַלץ — איבער דעם כאַראַקטער פון זיין דינאַמישן מאָרך־אינטעלעקט, וועלכער האָט ניט (דער כאַראַקטער, פונקט ווי דער מאָרך־אינטעלעקט — און ווי מיר האָבן דאָס קלאָר געזען,) קיין אַנדערע אָנווענדונג, ווי נאָר ד י ס אָ צ י אַ ל ע — אין העכסטן באַגריף פון דעם וואָרט; און מיר דאַרפן, דאַרום, מיט רעכט, פאָרמולירן דעם מענטשנס כאַראַקטער, אַלס — שאַרף־אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע דערשיינונג; און דערקלערן קאַטעגאָריש: אַז, אויסערהאַלב דער סאָציאַלער געזעלשאַפט — עקזיסטירט ניט קיין כאַראַקטער, קיין ווילן לגמרי . . .

7

דער מענטש — (ערשט נעכטן — ווי מיר האָבן געזען — אַ ה י ס ט אָ ר י ש לגמרי, ד. ה. אָן דעם מינדסטן באַגריף פון זיין רעאַלער שייכות צו דער אוניווערסאַלער עוואָלוציע און רעוואָלוציע,) — הויבט ער אָן — קאָן מען זאָגן — דורך זיין ערשטן שריט אין דער אַסאָציאַציע, — ב אַ וו ו א ס ט ז י נ י ק, זיין היסטאָרישע עקספּאַנסיע איבער דער וועלט; זיין אַזויגערופענע ק ו ל ט ו ר ־ ג ע ש י כ ט ע; נעמענדיק זיך־באַוועגן — איבער דעם שווערן, אָבער דאַנקבאַרן וועג פון סאָציאַלער אַרבעט און קאַמף פאַר עקזיסטענץ — צו דעם ענד־ציל: זיין עקאָנאָמישע באַפרייונג; ד. ה. — צ ו ם ס אָ צ י אַ ל י ז ם: ווען זיין באַזאָרגונגס־פּראָדוקציע — ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט — וועט שוין פאַרוואַלטן מיט זיך גופא; דער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר עקזיסטענץ וועט זיין געענדיקט; דער ריס פונעם מענטשן מיט זיין אַנימאַלישער פאַרגאַנגענהייט און מיט איר (עקאָנאָמישן) קאַמף פאַר עקזיסטענץ וועט זיין — אַ פולשטענדיקער און אַף אייביק; כדי אַז דער נייער ווירקלעך־פרייער מענטש, ד. ה. — מיט זיין באַפרייטן פון אַלע עקאָנאָמישע זאָרגן דינאַמישן מאָרך־אינטעלעקט און מיט זיין פולשטענדיק־דורכגעלויכטענער שכלדיק־באַנייטער סטאַטישער געפיל־וועלט, אָן יעטוועדן מינדסטן שפּור פון הפקרדיקן בלינדן אימפּולס, נאָר מיט דער אַבסאָלוט־העלער עמאָציע, — זאָל, ערשט, קענען — צום ערשטן מאָל, זינט זיין עקזיסטענץ —

זיך־שטעלן פנים־צו־פנים מיט זיין פאטאלן אנטיטעטישן מהות; דירעקט אין ארויסרוף צום נאָך־אלץ־פאר־אים־פארשלייערטן אנטיטעטישן קאָס־מאָס; און אונטערנעמען, פון אצינד און ווייטער — זיין נ יי ע אוֹמ־ענדלעך־טריומפאלע עקספאנסיע...

נאָר, דערווײַלע, אין זיין בראשית־סטאדיע — גייט דער יונגער באַוואוסטזיניקער מענטש אומדערמידלעך פאָרויס — א באוואָפנער מיט זיין כאראקטער; הגם ער ווערט נאָכאנאנד געשטערט דורך זיין ביטערן פיינט — דעם בלינדן אימפולס; וועלכער רעפלעקטירט, געווײַנלעך, זיין פראָדוקציע — אין דער וועלט פון דער עמאָציע.

עס גייט אָן אינעם מענטשן דער אומויפהערלעכער קאמף צווישן די צענטערן פון מאָרך און הארץ, וועלכע פראָדוצירן־רעפלעקטירן נאָכאנאנד: דער מאָרך, פון איין זייט — אינטעלעקט, שכל, געדאנק, כאראקטער, ש כ ל ד י ק געפיל און עמאָציע; און דאָס הארץ, פון דער אנדערער זייט — ב ל י נ ד ע געפילן, אימפולסן און עמאָציעס. און דעם דינאַמישן מאָרך־אינטעלעקט אינעם מענטשן — מיט זיין שארפן אנטיטעזע־חוש פאר באנייונג — קומט אויס נאָכאנאנד צו פירן זיין קאמף: אי פאר דער שעפערישער צופאסונג צו דער רעאלער וועלט פון ארום, אין אלע אירע אספעקטן; אי קעגן זיין שונא פון אינערן — דעם סטאטישן טעזע־אימפולס, וועלכער זוכט אימער, מיט זיין בלינדן ירושה־אינסטינקט: א ו י ב נ ו י ף — אלץ צו קאָנסערווירן, און אין תוך — אלץ צו צע־שטערן.

דער קאמף פאר עקזיסטענץ, אזוי צו זאָגן, פאר דעם נייעם סאָציאלן מענטשן — ד. ה. אינערהאלב זיין געזעלשאפט, וואָס ער אליין האָט, מיט דער הילף פון זיין מאָרך־אינטעלעקט און כאראקטער, געשאפן — טוט זיך אָפשפיגלען אין פאָלגנדער פאָרם. ער, דער באוואוסטזיניקער מענטש — אין זיין אומויפהערלעכן לאָגישן נאָכדענקען פון סיבה און פאָלגע, ד. ה., אין זיין נאָכאנאנדיקן פאָרשן די רעאליטעט פון דער ארומיקער נאטור, פון דער אזויגערופענער ספער, (אקוראט ווי מיר האָבן עס געזען בא די פלאנצן,) כדי צו איר זיך־צופאסן, — טוט ריכטן זיין עקספאנסיע, דורך אומצייליקע געפאָרן, צו יענע אָנגעשנאפטע רעגיאָנען, וואו די עק־זיסטענץ האָט בעסערע אויסזיכטן. איינמאָל אָנגעקומען אין די דערמאָנטע זאָנעס, (ד. ה. היינט — דאָ, מאָרגן — דאָרטן, לויט די אומשטענדן), — אָרגאניזירט ער די ארבעט פון דער אסאָציאציע: איר יאגד, איר פיש־פאנג, צי איר קולטיוו א. א. וו. — אף דער באזע פון דער אָנגעייגנטער סאָציאלער מאָראל, וועלכע איז (ווי מיר האָבן געזען) — א קאָמונאלע, ד. ה.: אז אלע ארבעטן, לויט די מעגלעכקייטן — לטובת דער אסאָציאַ־ציע; און דאָס דערוואָרבענע אייגנטום דינט צו באפרידיקן — גלייך און

גערעכט — די נויטן פון יעדן. אַט אַזוי דיקטירט די לאָגיש־מאָראַלישע סיבה און פאָלגע פון דער ערשטער אַסאָציאַציע: וואו די דאַנקבאַרקייט און די שולד פון איינעם צום אַנדערן איז אַ גלייכע — אין הסכם מיט דער רעאַלער דערקענטעניש און אויפנעמונג פון די אומשטענדן, ד. ה., מיט דער שכלדיקער צופאַסונג צום אַרום. קוים ווידער סטייעט ניט דאָס דערוואַרבענע אייגנטום צו שטילן די נויטן פון יעדן אין דער אַסאָציאַציע, — וועט קיינער ניט דאַרפן פּרעטענדירן איינצופירן אומגלייכהייט: צו באַגערן פאַר זיך די פולע זעט — אויפן חשבון פון צווייטנס אַבסאָלוטן הונגער. דאָס שכלדיקע געפיל פון שולד און דאַנקבאַרקייט צו דער אַסאָ־ציאַציע, ד. ה., גלייכצייטיק — פון דער אומלוינבאַרקייט פאַר זיך גופא, זי צו צעשטערן, — וועט ניט דערלאָזן דערצו. די יונגע לאָגישע מאָראַל פון דער אַסאָציאַציע וועט זיך דאַרפן אַרויסווייזן, אַלס שטאַרקער פון דעם, אין־גרונט־גענומען — אַ ס אָ צ י אַ ל ן, און איצט, אין זיין טע־מיקייט און רעוואָלט — אַ נ ט י ־ ס אָ צ י אַ ל ן בלינדן אימפּולס מיט זיין אומפאַרענדערט־געבליבענעם ירושה־אינסטינקט — איינצושלינ־גען אַלץ פאַר זיך. (בלינדע סיבה און פאָלגע פון אימפּולס: נעם אַלץ, ווייל עס איז דיינס...) און קוים וועט פּאַסירן דער פאַל: און איינער פון דער אַסאָציאַציע — געטריבן דורך דער נויט — וועט זיך מאַכן טויב צו דער שטים פון זיין כאַראַקטער, פון זיין שכל, זיך־לאָזן אָנרעדן אַ יי נ־מ אָ ל צו שטעלן אַ טראָט אויפן פאַלשן אַנטיסאָציאַלן וועג און נאָכגעבן דעם בלינדן אומגעצוימטן און ווילנלאָזן באַגער פון זיין ווילדן אימפּולס — צו גנבענען, אָדער צו רויבן דאָס אייגנס, וועלכעס געהערט, מיט רעכט, צום צווייטן, — וועט עס הייסן: אַז ער האָט געהאַנדלט — אַנטי־מאָראַליש; אַטענטירט אויף דעם קיום פון דער גאַנצער אַסאָציאַציע; און דאָס געזונטע סאָציאַל־מאָראַלישע געפיל פונעם כלל, אין זיין לאָגישער סיבה און פאָלגע, ד. ה. אין דער נאָכדענקונג פאַר דער זעלבסט־דערהאַל־טונג — וועט דעם אויסוואָורף גלייך אַרויסשטויסן פון זיך; אָן קיין שום איינזעעניש, אים אויסליפערן צו הפקר, ד. ה. צו דער אַסאָציאַלער סטי־כיע, צו וועלכער זיין אימפּולס, אייגנטלעך, האָט אים געשטויסן; און במילא, אין דער אונטערשטער שורה — צו אומקום... דאָס וועט דאַרפן זיין אַ לערע פאַר אַנדערע, אינערהאַלב דער אַסאָציאַציע, וועלכע זוכן, אפשר, אין דער שטיל, דעם „לייכטערן" וועג צו דערהאַלטונג, ד. ה. — אויסער דער אַרבעט. איז אַט די יעניקע וועלן דאַרפן אומדערבאַרעמדיק אויסגעראָטן ווערן — כדי צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער אַסאָציאַ־ציע, ד. ה. פון דעם גערעכטן כלל, פון דעם רבים, וועלכער פאַרדינט: אַז מע זאָל, פאַר זיין טובה־וועגן, אויסראָטן אָן־רחמנות דעם אומגערעכטן.

מיר האָבן דערמאָנט — רחמנות, דערבאַרעמדיקייט. דאָס זענען אַלץ — געפילן, וואָס ווערן פּראָדוצירט דורך דעם האַרצן, אין דער בלינדער

געפֿיל־וועלט מיט אירע אימפּולסן; און אָט די געפֿילן וואָלטן איצט וועלן אינטערוועניִרן — לטובֿת דעם אויסוואורף: אַז דער כּלל זאָל אים שענקען זיין פֿאַרברעכן. אָבער די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון דער אַסאָציאַציע איז — אין נאָמען פֿון אירע אינטערעסן — צו פֿאַרבלייבן טויב צו אָט דער אַנטיסאָציאַלער סיבה־און־פֿאָלגע־שטים פֿון רחמנות: („נישט פֿאַרטרייבן — ווייל עס איז אַ רחמנות"); מחמת דאָס וואָלט געווען — אַ אומפֿאַר־צייליבע זינד קעגן דעם גאַנצן כּלל... מע טאָר זיך, אין אַלגעמיין, ניט פֿאַר־לאָזן אויף דער בלינדער אַסאָציאַלער שטים פֿון דעם באַטישן הארצן: ווייל עס איז ניט פֿאַרלעסלעך. אָט רופֿט עס — צו רחמנות, צו קאָנסערווירונג; און אָט, ווידער — אָן יעטווידן זין און באַרעכטיקונג — צו אכזריות, צו צעשטערונג. (פֿון ליבע צו האַס — ווי מע זאָגט — איז איין שריט...) אין ביידע פֿאַלן, איז דער רוף פֿונעם הארצן — אַסאָציאַל, ד. ה.: עס האָט ניט אינזינען דעם כּלל, נאָר דעם אייגענעם זינלאָזן אימפּולסיוון וואונטש, מיט זיין אייגענער ענגהאַרציקער בלינד־צענטרישער סיבה און פֿאָלגע, וואָס שפּירט נישט קיינמאָל גאָרנישט און זעט נישט קיינעם, אויסער זיך. עס הייסט זיך: אָט — דערבאַרעמען, ווען עס ווערט געשטויסן דורך אָט דעם אימ־פּולס; און באַלד ווידער — ווי אין אַ צעשטורעמטן באַטישן ים, באַקו־מענדיק דעם שטויס פֿון אַ פֿרישן בלינדן אימפּולס — הייסט עס שוין אַכזריותדיק פֿאַרניכטן דאָס, וואָס עס האָט אָקאָרשט געהייסן שאַנעווען; דאָס הארץ אַליין — ניט־וויסנדיק די סיבה, ניט קאָנענדיק אויפֿקלערן: ניט דעם זין פֿון דעם ערשטן וואונטש, ניט פֿונעם צווייטן — וועלכע באַ־צוועקן אָבער ביידע, אין זייער תּוך: די אינטימע שטרעבונג צו צעשטערונג... אַז מע הערט זיך גוט איין, בכּלל — און אין אונזער געגעבענעם פֿאַל, בפּרט, מיטן אויסוואורף פֿון דער אַסאָציאַציע: וויאַזוי דאָס הארץ רופֿט צו רחמנות, — דערהערט מען גלייך די אַלטע אימפּולסיווע ירושה־שטים, וועלכע רופֿט צו צעשטערונג, ד. ה. צו אכזריות... און ווירקלעך: דאָס רחמנות־האָבן, אין געגעבענעם פֿאַל, אויפֿן אויסוואורף, וועלכער האָט געזינדיקט קעגן דער אַסאָציאַציע, — וועט אומדערבאַרעמדיק אומברענגען דער לעצטער. די ווילנלאָזע בלינדע אינסטינקטן, וואָס רעפֿלעקטירן אין הארצן מיט רחמנות און אכזריות, — באַצוועקן ביידע, אין זייער אינערן — איין ירושה־ציל: צעשטערונג פֿון יעטווידער פֿאָרם, אום איינצושטעלן איבעראַל די אומגעצוימטע רעכט פֿון פֿאַרמלאָזן כאַאָס...

די לאָגישע מאָראַל פֿון דער אַסאָציאַציע הייסט אַרויסשטעלן כאַראַק־טער — קעגן דעם בלינדן ווילנלאָזן רחמנות און אכזריות פֿונעם הארצן; און האַנדלען — אַבסאָלוט־שׂכלדיק, אין פֿאַרשטענדלעכער סיבה און פֿאָלגע, קעגן דעם אויסוואורף: אים פֿאַרשטויסן און אומברענ־

געז, ד. ה. זײן צו אים אכזריותדיק (די פּאָלגע) — אוים רחמנות צו דער אסאָציאַציע, װעלכע האָט, די איינציקע, דאָס רעכט געראַטע־װעט צו װערן. (די סיבה.)... אָט די אומאָפּטײלבאַרע שכלדיקע דיקטאַטן פון אכזריות און פון רחמנות — װי מיר האָבן געזען אָקאַרשט — און װעלכע זענען דורכױס־סאָציאַל אין זײער אינהאַלט (עס הײסט — סאָציאַלע אכזריות און רחמנות, אַנשטאָט — אַנטיסאָציאַלע אכזריות און רחמנות), — װעלן מאָרגן זײן די יונגע שכל־געפילן אין דער באַנײטער עמאָציע־װעלט פונעם סאָציאַלן מענטשן און, אַזױאַרום, דינען, אַלס נײע װערטפולע דערײגעניש, אַפן װעג צו דער דעראָבערונג און פולער סאָציאַליזירונג פון מענטשנס אסאָציאַלער געפיל־װעלט...

איצט — װען מירן זיך אומקערן צו דער שװערער לאַגע, אין װעלכער מיר האָבן געהאַט געלאָזן דער אסאָציאַציע, װעמעס שפּיז, װי מיר האָבן געזאָגט, איז ניט געװען גענוג אַף צו שטילן די נױטן פון יעדן, — װעלן מיר זען: װי — נאָכן האָבן ליקװידירט אוים איר מיט דעם אַנטיסאָציאַלן אױסװאָרף, — װעט זי זוכן צו לינדערן איר נױט — דורכױס דורך איר סאָציאַל־מאָראַלישן װעג פון ביז־איצט, דורך דער אַרבעט. איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אין פולן ברען. נאָר זי פאַרלירט ניט איר רו, איר לױטערקײט, איר לאָגישן סיבה־און־פּאָלגע־גאַנג פון פריער, װאָס לערנט איר: זיך ניט צו שרעקן; אױך ניט אַרײנפאַלן אין קײן פאַרצװײפלונג; נאָר דורכױס זוכן די צופּאַסונג צו דער רעאַליטעט פונעם אַרום... זי פאַרשטאַרקט דעם פאַנג, דעם יאַגד א. א. װ.; זי אײלט־צו איר עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע, װאַנדערט איבער פון אײן אָרט צום צװײטן; און, צו גלײכער צײט, זוכט זי (און עס קומט, װי באַװאוסט, דורך דער אַרבעט: דורך איר אַזױ־גערופענער אינטעלעקטועלער עקספּאַנסיע, ד. ה. דעם מאַרכס נאָכדענקען, בשעת דער אַרבעט און אונטערן דרוק פון דער נױט,) — צו פּערפעקציאָנירן, אױסבעסערן און אַפילו ענדערן אינגאַנצן אירע עקאָנאָמישע אינסטרומענטן פאַר דער אַרבעט.

אָט די אַלע אינסטרומענטן, אײגנטלעך — די האַק, דער בױגן א. א. װ. — שאַפן פאַר דער אסאָציאַציע איר אײגענע סאָציאַלע ספער, ד. ה., די פאַרהעלטענישן (פאָרם) פון איר אַרבעט און עקזיסטענץ — אַ חוץ דער אַלגעמײנער ספער פון דער אַרומיקער נאַטור, װי באַ די פלאַנצן און פאַרן מענטשן אַלײנס. זײ, די אינסטרומענטן, דינען איר פאַר דער באַזע פון איר אַזױ־גערופענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, װעלכע שטעלט אײן, במילא, װי באַװאוסט — די גאַנצע איבערסטרוקטור פון דער אסאָציאַציע: רעפלעקטירט אין איר אינטעליגענץ — איר סאָציאַלע מאָראַל, אירע באַגריפן װעגן אײגנטום, גוטס און

שלעכטס א. א. וו. [דער מענטש שאפט, צוערשט, די עקאנאמישע באדינגונגען; און נאכהער טוען די עקאנאמישע באדינגונגען (די ספער) אויסשמידן דעם מענטשן.]

ווי מע דארף זיך פארשטעלן: איז די באנייונג און ענדערונג פון די עקאנאמישע אינסטרומענטן (פון די אזויגערופענע פראדוקציע־מיטלען) אין דער מענטשלעכער אסאציאציע — נישט קיין ענין פון היינט אף מארגן. און מאגן זיי האבן געווארן וו י־פארעלטערט, (אדאנק דער עוואלוציע און וואוקס פון דער אסאציאציע,) און זיי קענען ניט נאכקומען, ווי געהעריק, אירע הצטרכותן, — עס הייסט: אז עס מאג וו י־ענג ווערן פאר דער אסאציאציע די אלטע ספער צום אטעמען, און זי מאג וו י־רייף זיין, אין איר נויט, צו א נייער ספער, — וועט מוזן אריבער אסאך צייט אין דער עוואלוציע פון סאציאלן מענטשנס דערפינדעריש ווייסן און זיין לאגישער סיבה־און־פאלגע־פארשונג — ביז וואנען ער וועט דערגיין דערצו און זיין מסוגל צו ענדערן רעוואלוציאנער די פראדוקציע־מיטלען פון דער אסאציאציע, וואס האבן געשאפן איר סאציאלע ספער, אויפגעהאלטן די אלטע סאציאל־עקאנאמישע סטרוקטור;* ער וועט איינשטעלן ראפטעם, מיט דער הילף פון זיין אריינגעבראכטער רעוואלוציע אין דעם אופן פון דער פראדוקציע — א נייע סאציאלע ספער, וועלכע וועט מאכן שווין לחלוטין־אומדערטרעגלעך, ד. ה. צעטרייסלען פולשטענדיק די אלטע סאציאל־עקאנאמישע סטרוקטור, עס מיינט, די פארהעלטענישן אין דער אסאציאציע פון איר ארבעט און עקזיסטענץ; (ווי, למשל, די דערפינדונג פון דער מאשין, וועלכע ווארפט ארויס ארבעטסהענט און פאדערט, במילא, דרינגנד: צו רעדוצירן דעם ארבעטס־טאג און העכערן די לוינען;) דורך דער צעטרייסלונג פון דער סאציאל־עקאנאמישער סטרוקטור, וועט נעמען איינברעכן בא דער אסאציאציע — איר אייבערסטרוקטור, ד. ה.: אלע אירע באגריפן וועגן מאראל, אייגנטום, גוטס און שלעכטס א. א. וו.; ביז וואנען, נאך א לענגערן קריטישן איבערגאנגספעריאד — עס וועט ענדלעך קומען די אומפארמיידלעכע רעוואלוציאנערע איינשטעלונג פון דער נייער סאציאל־עקאנאמישער סטרוקטור אין דער אסאציאציע, ד. ה. — פון נייע פארהעלטענישן אין איר ארבעט און עקזיסטענץ: אז זי זאל ווייטער קאנען אנגיין מיט איר עקספאנסיע...

8

די פרימיטיווע מענטשלעכע אסאציאציע — וועגן וועלכער עס גייט בא אונז אצינד דער שטודיום — געפינט זיך אבער נאך גאנץ ווייט פון

---

* די סיבה, פארוואס די ,ויסנשאפט איז ניט געקומען צו הילף באלד דעם מענטשנס נויטן אין דער אסאציאציע, — איז אלץ איינע און די זעלבע: דער אייביקער שטער מצד דעם אימפולס, אין זיינע פארשיידענע דיספראזן; און ווי עס וועט אויפגעקלערט ווערן ווייטער באריכות.

אזא הויכער שטופע, אין איר אנטוויקלונג; און מירן זיך געווים אומקערן דערצו — ווען עס וועט דארפן קומען די רייד דאריבער. דערווייל, ווי געזאָגט, האַלטן מיר כמעט בא איר בראשית, ד. ה.: אין יענע ערשטע מאָמענטן פון איר אַנטשטיין — ווען זי האָט נאָך געזוכט, אַף אומציילִיקע פּ ר י מ י ט י ו ו ע דרכים, איר לאָגישע עקספּאַנסיע, דורך פּיבערהאַפּטער אַרבעט, עס מיינט: אין איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אַפּקלויב, דורך צופּאַסונג און ירושה; וואָס וויל זאָגן: אין איר אומדערמידלעך געיעג — זיך־צוצופּאַסן צו דער אַרומיקער נאַטור, (וועלכע וועט אומדערבאַרעמדיק לאָזן אומקומען די ניט־צוגעפּאַסטע, די הינטערשטעליקע, און תמיד אַפּקלויבן די צוגעפּאַסטערע;) און, צו גלייכער צייט, אין איר אומויפהערלעכן געראַנגל צו באַהערשן איר טיפן אינערלעכן שונא — דעם תמיד־בלינדן אימפּולס; וועלכער האָט, אַזוי אויך — אומדערמידלעך־בלינד־נאָכאַנאַנד, געצויגן דער אַסאָציאַציע אַף צוריק — צו אויפליין און אומקום...

דאַרף מען זיך משער־זיין: אַז אין איינעם אַ געווּיסן אומגליקלעכן מאָמענט פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, — האָט די פּרימיטיווע אַסאָציאַציע — די יעניקע, אַף וועלכער עס באַציט זיך אונזער שילדערונג, די גאַנצע צייט — אין איר עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע, ד.ה. אין איר נאָכזוך פון דערנערונג, און אין רעכטן פלאַקער פון איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ מיט דער אַרומיקער נאַטור, — זיך געדאַרפט צוזאַמענשטויסן, ערגעץ בא אַן אַזים אין מדבר — מיט אַ צווייטער ענלעכער צו איר פּרימיטיווער מענטשלעכער אַסאָציאַציע, וועלכע איז אויך אָנגעקומען אַהין, אַ געטריבענע דורך דער נויט...ביידע אַסאָציאַציעס זענען זיך לחלוטין אומבאַקאַנט. דער אַזים איז צו־קליין אויפצונעמען פּאַראַמאַל ביידע, וועלכע ווערן געטריבן פון דער אַלציינער נויט און זיי קענען ניט צוריקטרעטן... זאָל דאָ דאַרפן דעצידירן דער נאַטירלעכער אַפּקלויב, אין זיין פּרימיטיווסטער פאָרם, ד. ה. — כל דאלים גבר? די שטאַרקערע אַסאָציאַציע וועט ווערן אָפּגעקליבן, דורך דער נאַטור, געראַטעוועט צו ווערן, פאַרצווזעצן איר ווייטערע עקזיסטענץ; און די שוואַכערע וועט ווערן פאַרורטיילט אַף אומקום?... די פּרימיטיווע סאָציאַלע מאָראַל בא יעדער איינער פון די צוויי אַסאָציאַציעס איז — אַבסאָלוט גאַנץ מיט זיך, ד. ה.: אַז זי באַנעמט איר מאָראַלישע פליכט — בלויז אינערהאַלב איר מיט; דאַקעגן, וואָס איז נוגע דעם דרויסן, מחוץ פון איר, — דיקטירט איר איר זעלבע מאָראַל (אַזוי באַגרייפט זי דאַן, אַף דער דרגא פון איר לאָגישער אַנטוויקלונג): אַלעם צו צעשטערן, וואָס עס שטעלט זיך איר אין וועג, וואָס באַדראָעט איר עקזיסטענץ...

דאַרום, ווי מע זעט, איז דער צוזאַמענשטויס אַן אומפאַרמיידלעכער... דער אויסגאַנג ווידער פון אַזעלכע פאַטאַלע צוזאַמענשטויסן איז ניט

תמיד געווען — איינער און דער זעלבער. אמאָל, האָט ער זיך פאַרענדיקט מיט דעם: וואָס איין אַסאָציאַציע האָט אָפּגעטריבן דער צווייטער — צו־ריק אין מדבר. אמאָל — האָט איינע דער צווייטער געגצלעך צעקלאַפּט און אירע רעשט־געבליבענע געכאַפּטע מיטגלידער — דערהרגעט: ווייל די זיגערישע אַסאָציאַציע האָט ניט געוואוסט — וואָס זי זאָל טון מיט די פרעמדע...

ביז וואַנען זי האָט זיך, אין אַ דריטן פאַל, דערטראַכט: צו נעמען די איבערגעבליבענע באַזיגטע — פאַר שקלאַפן; ד. ה.: זיי גיבן די עקאָנאָ־מישע אינסטרומענטן פאַר דער אַרבעט; נאָר, וואָס אָנבאַלאַנגט זייער באַ־לוינונג, — זאָל זי ניט זיין — די זעלבע, ווי פאַר די אויטענטישע מיט־גלידער פון דער אַסאָציאַציע. זיי, די פרעמדע, זאָלן קריגן בלויז די מיני־מאַלסטע דערנערונג — צו קענען אָנגיין מיט דער שקלאַפּערישער אַר־בעט; דאַקעגן — זאָל דער ריכטיקער אַריינטראָג פון זייער אַרבעט: פון זייער יאַגד, פאַנג, צי קולטיוו — אָפּגעגעבן ווערן באַגלייך צו דער גאַנ־צער אַסאָציאַציע...

אַזויאַרום, איז אַנטשטאַנען אַ נייער שיכט אַרבעטער, אינערהאַלב דער מענטשלעכער אַסאָציאַציע: אַ פרעמדער, אַ נידעריקער, אַ ביליקער — אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער אַסאָציאַציע. אָבער, דאָס איז שוין געווען — סאָציאַלע אומגלייכהייט, עקספּלואַטאַציע און דאָס אַריינפירן, (ווי מע דאַרף זיך משער־זיין,) דאָס ערשטע מאָל — דעם צושטאַנד פון אָרעם און רייך, אינערהאַלב דער ערשטער פרימיטיווער קאָמונע פון דער מענטשהייט... און כאָטש דער פרימיטיווער אַסאָציאַציע האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעדוכט: אַז זי איז גאַנץ מיט איר סאָציאַלער מאָראַל, — איז דאָס שוין אָבער נישט געווען אינגאַנצן ריכטיק. אָט דער פאַל — פון זיין גייציק צו דער ביליקער אַר־בעט, — איז ניט געווען קיין דיקטאַט פונעם שכל, נאָר פון דעם אימ־פולס. דאָס איז געווען דער ערשטער געמיינער נצחון איבערן מאַרך־אינ־טעלעקט — פונעם בלינדן אינסטינקט: וועלכער האָט געהייסן האַנדלען אומגעצוימט; באַרויבן, ווען עס לאָזט זיך, יענעמס מין; זיך־אָנייגענען אייגנטום — אומגעאַרבעט... דאָס איז, אפשר, אויך געווען, אַזוי צו זאָגן — דער ערשטער חטא פון אינטעלעקט, אין זיין גערעכטן גאַנג איבער דער וועלט; און ווען ער האָט זיך געכאַפּט — איז שוין געווען צו־שפּעט... מיט איין וואָרט: דאָס איז געווען — דער ערשטער איינבראָך אין דער כאָציאַל־מאָראַלישער מויער פון דער קאָמונע; דער אָפּלענק פון נאָרמאַל־היסטאָרישן גאַנג פון דער מענטשהייט — וועלכעס האָט שוין געעפנט דעם וועג פאַר אַלע וייטערדיקע בלאָנזשעניש; פאַר דער פאַרשאַרפונג פון די אומגלייכהייטן, אינערהאַלב דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; און פאַר דער אויסכאַוואונג פון בלינד־אימפּולסיווע קאַדרען אין איר מיט,

וועלכע זאָלן תמיד שלעפּן דער גאַנצער מענטשהייט אַף צוריק, צום שאול־תחתיה פון אומקום... (און מען קאָן זאָגן: אַז די גאַנצע ווייטערדיקע מענ־טשלעכע געשיכטע, זינט דאַן, איז, אין אַ גרויסער מאָס — די אָנשטרענ־גונג פון מענטשנס מאַרך־אינטעלעקט: צו מאַכן רעכט דעם פאַטאַל־באַ־גאַנגענעם פעלער...)

9

ווי דער לייענער גיט זיך רעכענונג: האָבן מיר, ביז איצט, עקספּאָ־נירט, אַזוי צו זאָגן, ד י ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן מ אַ ר ך ־ א י נ־ ט ע ל ע ק ט צו אַט די טראַנסצענדענטאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט; עס הייסט, אין אַנדערע ווערטער — אַז מיר האָבן אויסגע־הערט בלויז איין צד. וועלן מיר ערשט אָנהויבן דערפון — וואָס מיר וועלן פרואוון פאָרמולירן ד י ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן א י מ פּ ו ל ס צו אַט דעם אַלעם; עס הייסט — אַז מיר וועלן אַצינד הערן: וואָס דער צווייטער צד האָט צו זאָגן...

און מיר וועלן גלייך איינזעען: אַז, אין לויף פון דער צייט, ד. ה. אין גאַנג און עקספּאַנסיע פון מענטשנס גזעלשאַפט איבער דער וועלט, — איז ניט נאָר זיין מאַרך־אינטעלעקט ריזיק־אויסגעוואַקסן, אין דער דערפאַרונג פון זיין קאַמף, — נאָר אויך דער בלינדער אימפּולס איז „גע־וואַקסן" — אין דער דערפינדערישקייט פון זיינע מעטאָדן: וויאַזוי אָנ־צופירן דעם קאַמף קעגן דעם שונא.

האַרץ־אימפּולס און מאַרך־אינטעלעקט, טעזע און אַנטיטעזע, סטאַ־טיק און דינאַמיק, ירושה און צופּאַסונג, קאָנסערווירנדע צעשטערונג און צעשטערערישע שאַפונג; מיט איין וואָרט: דאָס ווילנלאָזע געשלעפּט ווערן אַף צוריק צו אומקום — און דער כאַראַקטער־דראַנג און די עקספּאַנסיע אַף פאָרויס צו אויפקום; אייגנטלעך — אַט די צוויי אַלט־באַקאַנטע אומ־קאָמפּראָמיסלעכע שונאים, זינט אייביק; און דאָך — ווי דער גאַנג פון דער מענטשהייט האָט זיי דיספּראַזירט און „פאַרענדערט"!...

דער האַרץ־אימפּולס — וואָס מער ער איז געוועזן געצוואונגען, דורך דעם מענטשנס גויט, מיטצוגיין אין דער געזעלשאַפט און זיך דערווייטערן פון זיין רויען שטאַם, פון דעם כאַאָס, — אַלץ מער באַצויבערנדער איז זיין כאַאָס פאַר אים געוואָרן, פון איין זייט; פּונקט ווי — פון דער אַנ־דערער זייט — איז אין אים די שרעק פאַרן לעבן מוראָדיק אויסגע־וואַקסן... ווייל בלויז אין די קוואַלן פון זיין שטאַם שפּירט זיך דער האַרץ־אימפּולס זיכער. בלויז אין אומקום, אין ניט־זיין — איז ער באַוואָרנט פאַר אַלע נויטן; איז ער דערלייזט פון אַלע ליידן. דאַקעגן, ד אָ ס ל ע־ב ן רופט אַרויס בא אים בלויז — אַנגסט־פּאַניק! און ער וויל ניט

וויסן פון קיין צופאסונג צו דער ארומיקער נאטור; פון קיין קאמף פאר עקזיסטענץ! עס ציט אים אומווידערשטיילעך צום צויבער־שטאם פון זיין באאם; און ער וואקסט אויס, בא אים אין זיין וויזיע — צו גאט...

ער, דער בלינדער הארץ־אימפולס — בויעט אויף, מיט דער צייט — זיין אייגענע ג א ט ־ פילאזאפיע: זיין אייגן סיסטעם פון דעם מענטש, פון דעם לעבן, פון דער וועלט, פון דער נאטור, פון דעם אוניווערז, פון דעם קאסמאס; וועלכע זענען אלע (לויט אים) — אספעקטן פון גאטס באשאף; וועלכע עקזיסטירן — לויט גאטס ווילן; וועלכע זענען אוממעכטיק — אן גאט. ווייל בלויז גאט אליין איז — אלמעכטיק. איז — די שויץ און די ערבות פאר אלץ. ער אליין איז — די עקזיסטענץ...

אין זיין וויזיע — לייקנט דער הארץ־אימפולס עקשנותדיק די עוואלוציע און רעוואלוציע אין דער נאטור, די שייכותן צווישן די עלעמענטן, דעם אייביקן וואוקס און די באנייונג. ניין. נישטא קיין זעלבסט־סינטעז, קיין באגעגעניש אין ערגעץ, קיין קאנטינואיטעט. אלעס איז — גאנץ, אומפארענדערלעך, פערפעקט — לויט דעם ווילן פון גאט: וועלכער איז — די אומפארענדערלעכע פערפעקטקייט זעלבסט, דער עצם־בלתי־משתנה פון אייביק. און עס טוישן זיך דער טאג מיט דער נאכט אין דער נאטור, ניט — לויט זייער אייגענער סיבה און פאלגע; נאר — לויט דער סיבה און פאלגע פון גאטס ווילן (אין דער נאטור): וועלכער איז אליין — די סיבה פון אלע פאלגעס, אף תמיד; וועלכער איז איבער אלץ; וועמעס ווילן אליין הערשט אין אלץ... גאט איז — איינער; אבער, נישט לויט אונזער השגה וועגן צאל... פתח אליהו ואמר: אנת הוא חד ולא בחושבנא... נישט לויטן חשבון פון מענטשנס פארבלענדעטן שכל: וועלכער ציילט, אין קאנטינואיטעט, נאך איינס — צוויי, א. א. וו. ווייל ער, גאט, איז — איינציק; אינגאנצן — אויסער דער צאל...

מיט איין ווארט — אומבאגרייפלעך. פונקט, ווי עס איז ניט פארשטענדלעך: וויאזוי גאטס נאכאנאנד־זיך־ענדערנדיקער ווילן אין דער נאטור פון טאג און נאכט א. א. וו. שטערט, פונדעסטוועגן, נישט דעם אלטן — צו פארבלייבן „פערפעקט־אומפארענדערלעך”, ווי געווען...

ווי מע זעט: האט זיך דער הארץ־אימפולס באמת צו מאלן גאט — בצלמו כדמותו; ד. ה.: סטאטיש, אומפארענדערלעך־פערפעקט, (ווי ער, דער הארץ־אימפולס, באטראכט זיך אליין); און מע מאג זיך שוין אנשטויסן: אז אלע זיינע ווייטערדיקע פארשטעלונגען וועגן גאט זאלן זיין בלויז דער אויסדרוק פון זיין אייגענעם בלינדן ווילן — צו דעקן זיין גאנצע אסאציאלע און אנטי־סאציאלע מערכה אף דער וועלט; און ווי מיר וועלן דאס באלד איינזעען אליין...

גאט איז, לויטן הארץ־אימפולס — פערפעקט; אבער ער איז — אומפארשטענדלעך און העכער פון ארעמען מענטשנס השגה. [אסור

להרהר אחריו — אַ וואָרענונג (און ווי מ'ירן דאָס גלייך דערקלערן גענויער, צום סאָציאַלן מאָרד־אינטעלעקט: זיך־אונטערצואוואָרפּן דעם בלינדן אַמאָ־ציאַלן דראַנג פון הארצן...] עס איז ניט געגעבן געוואָרן דעם מענטשנס פאַרבלענדעטן שכל צו באַנעמען דעם מהות פון גאָט; אויך ניט צו באַ־גרייפן דעם מהות פון גאָטס ווילן, (ד. ה. דעם פאַרוואָס, דעם זין אין־זיך,) וועלכער איז פונקט אַזוי פּערפעקט, ווי גאָט אַליין. וואָס עס איז יאָ גע־געבן געוואָרן צו באַנעמען, (און דאָס — בלויז דעם האַרץ־אימפּולס פונעם מענטשן, מיט זיין גלויבן, אַדאַנק וועלכן גאָט לויכט אַריין אין זיין א י נ־ט ו א י צ י ע,) — איז: אַז גאָטס ווילן, דאָס איז — די אייביקע פּער־פעקטע מאָראַל. (די איינציקע — אין אַבסאָלוטער סתירה צו דער אויס־געדאַכטער סאָציאַלער מאָראַל פון מאָרד־אינטעלעקט.) די מאָראַל, דאָס איז — גאָט און זיינע טואונגען. אַלע וועגן פון דעם מענטשן פירן צ ו א י ם. בלויז אין הסכם מיט זיין ווילן, דאַרף געפירט ווערן: דאָס לעבן, די געזעלשאַפט, אַלץ. בלויז יענער, וואָס טוט זיין ווילן, איז — מאָראַ־ליש. זיין ווילן איז: — די ליבע צו אים אַליין; דאָס אייביקע שטרעבן — מיט אים זיך צו באַהעפטן. דאָס דאַרף ווערן (ווייל דאָס איז) — דער איינציקער זין פונעם לעבן. די שולד, די דאַנקבאַרקייט — דאָס אַלעם מוז זיין געריכטעט בלויז צו אים אַליין; ווייל ער (און דאָס איז שווין געגעבן צו פאַרשטיין פאַר יעדן,) — שענקט דאָך אַלעמען די עקזיסטענץ. אַלץ, וואָס איז פאַראַן, איז — אין זכות פון זיין ווילן, — איז עס אים שולדיק אַ חוב; אים אַליין שולדיק תמיד אין אַלץ...

איז בלויז אין ד ע ר ריכטונג — ווי געזאָגט — דאַרף אַנגיין דער סיבה־און־פאָלגע־גאַנג פון דעם מענטשן; אַלעם — געווענדעט צו גאָט. ער, גאָט אַליין — איז דעם מענטשן גאָרנישט שולדיק. דער מענטש אים — אַלץ. גאָט אַליין — האָט ניט דעם מענטשן, קיינמאָל, פאַרוואָס דאַנקבאַר צו זיין; ווייל דער מענטש טוט פאַר אים קיינמאָל גאָרנישט. ער גיט אים קיינמאָל גאָרנישט. ווייל אַלץ, וואָס עקזיסטירט, איז דאָך זיינס. איז דאָך — ער אַליין, גאָט, די עקזיסטענץ... גאָט, געכפּלט אַף זיך אַליין; אַף טיילן, פון זיך (מענטש, נאַטור) וואָס בענקען צום שטאַם...

דערפאַר, במילא, איז קלאָר: אַז די גאַנצע אַרבעט פון פאַרפירטן מענטשן, דורך זיין שכל — צו אָנהאַלטן אַ קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, אין סאָציאַלן בונד מיט זיין גלייכן, — איז אומזיסט, איז איבעריק און אַפילו אַ מרידה קעגן גאָט; ווי אַ הכחשה פון זיין ווילן און פון זיין אַל־מאַכט... ווייל גאָרנישט איז נויטיק, קיין שום אַרבעט און אָנשטרענגונג, — אַז עס זאָל זיין דער העכערער אומבאַגרייפלעכער ווילן פון גאָט צו געבן: וועמען — אַסאַך, וועמען — גאָרנישט; אָדער צו זיין צו איינעם און דעם זעלבן מענטשן, (אָן אונזער מינדסטער השגה,): אָט — רחום וחנון, אָט — קנא ונוקם; (גאָר אָן שום פאַרשטענדלעכער סיבה און פאָל־

גע: צו האָבן — דער מענטש — אַזוי, ווי אַנדערש געהאַנדלט;) אַז עס זאָל זיין דער העכערער פּערפעקטער אומבאַגרייפלעכער ווילן פון גאָט — צו ברענגען פאַרן מענטשן: אַט — גוטס, אַט — שלעכטס, — גאָר אָן שום שייכות צווישן זיך, אָן בינדלעכקייט; אַט אַזוי פּונקט, ווי עס מאַניפעסטירט זיך זיין ווילן: צו ברענגען דעם טאָג, די נאַכט — דאָס ליכט, די פינצטערניש; זיי אַליין — ווי גאָר אָן דער מינדסטער אָנגעהעריקייט צווישנאַנדער; בלויז אָנגעהעריק צו זיין ווילן... (אַט דאָס, וואָס מיר זענען געוואוינט אָנצורופן — דאָס איבערנאַטירלעכע וואונדער, דער פּערמאַנענטער געטלעכער נס אין דער נאַטור...) נו, און קענן זיין ווילן, ווידער — איז דאָך אומזיסט דעם מענטשנס אַרבעט, די גאַנצע מי... דאַרום — איז בלויז איין אַרבעט דער מענטש מחויב צו טון, און בלויז איין געזעלשאַפט צו שאַפן — לויטן ווילן פון גאָט; און דאָס איז: אויפקלייבן זיינע ברידער די מיטמענטשן און צוזאַמען זיך־אויפפּלאַקערן אין ליבע צו גאָט; זיך אַליין אויפלייזן און גרייכן צום אים... אַזוי איז זיין ווילן. און בלויז אין דער פאָרם (דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, כדי אים כאָטש אַף אַזויפיל מקרב זיין צו אונזער השגה, ד. ה. דעם געטלעכן מהות,) ווערט אויך געריכטעט דער סיבה־און־פאָלגע־גאַנג פון זיין אייגענער אייביק־רוּאיקער „מחשבה", אייןגאַנצן אָריינגעטון אין זיך אַליין, אין דעם אייגענעם פּערפעקטן ווילן, אַז: טוט דער מענטש דעם ווילן פון גאָט און ער ליבט אים (סיבה), — האָט ער זיך, דורך דעם, צו גאָט דערנעענטערט, צום קוואַל פון זיין ליבע (פאָלגע); איז ער אַליין, דער מענטש — דאַדורך, וואָס ער ענטפערט זיין שולד, זיין דאַנקבאַרקייט צו גאָט, — געוואָרן, במילא — העכער, דערהויבענער, מאָראַלישער... [ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער: אַז דאָס גרעסטע גליק פון גאָט (ווי פון דער פאַרגעטערטער פרוי,) פאַר אים, דעם מענטשן, איז: וואָס ער, גאָט — נישט פאַרלירנדיק קיינמאָל זיין רוּאיקע איינגעבליקטע פאַרליבטקייט אין זיך גופא, — לאָזט ער זיך דאָך פון מענטשן געליבט ווערן...] און די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע — קאָן מען זאָגן — איז: דער בלאָנזשנדער גאַנג פון מענטש צו גאָט. דער מענטש, ער איז — די שטענדיקע נאָכפראַגע, דאָס נאָכזוכן. אַט דאָס איז דער איינציקער זין פון זיין געשיכטע. דערפאַר איז גאָט — דער אייביקער פערפעקטער ענטפער אין זיך; וועלכער האָט שוין עקזיסטירט — אומענדלעך — נאָך פאַרן אויפקום פון דער מענטש־פראַגע; און וועלכער האָט זי — די מענטש־פראַגע — מיט זיין עקזיסטענץ, אומפאַרמיידלעך באַדינגט...

אַט אַזוי קנעלט איין דער האַרץ־אימפּולס זיין לערע וועגן גאָט — כדי אַלעס איבערצוקערן, וואָס דער סאָציאַלער מענטש, מיט זיין מאַרך־אינטעלעקט, האָט, מיט אַזאַ שווערער מי, געבויעט. און עס איז זינלאָז קומען צוגיין און שטעלן שאלות אַף ד ע ם, צי אַף י ע נ ע ם שוואַכן פּונקט פון האַרץ־אימפּולס' גאָט־בנין; למשל: — פאַרוואָס איז גאָטס

אַלגעמיינער באַשאַף אין דער נאַטור אַזוי „פּערפעקט" און „סטאַטיש" — איינמאָל אַף תמיד: ווי, אַ שטיינער, דער טאָג מיט דער נאַכט א. א. וו.; און ווען עס קומט צום מענטשן, (אַלציינס — דער באַשאַף פון גאָט,) — איז ער אויפגעקומען — אומפּערפעקט: מיט אַ פאַרבלענדעטן שכל, וואָס דאַרף ערשט דורכמאַכן אַ לאַנגן היסטאָרישן גאַנג, פול מיט שטרויכלונגען און פראַגן — ביז ער וועט דערגיין צו דעם געטלעכן ענטפער, דעם אמת? — עס איז זינלאָז; ווייל — ווי מע פאַרשטייט — וועט דער הארץ־אימפּולס האָבן דאַרויף זיין פּאַרטיקע תשובה: „— דאַרויף איז געווען דער העכערער אומפאַרשטענדלעכער ווילן פון גאָט א. א. וו." איי: פאַר וואָס — אומפאַרשטענדלעך — ווייבאַלד אַז ער, דער ווילן, איז דאָך געגעבן געוואָרן פאַרן מענטשן? איז: וואָלט דען ניט גלייכער געווען — דער ווילן זאָל יאָ פאַרקומען דעם מענטשן פאַרשטענדלעך — כדי דער מענטש זאָל זיך גיכער אָן אים אָנכאַפּן, אים דערפילן?!. איז — תיקו!... עס איז אויך איבעריק צו שטעלן די פראַגע: „— פונוואַנען ער ווייסט דאָס אַלץ אַזוי אויסגעצייכנט, דער האַרץ־אימפּולס?" ווייל אויך דאַרויף, (ווי מיר האָבן פריער אָנגעדייטעט,) האָט ער זיין פּאַרטיקן ענטפער: — אַז גאָטס אמת, (וועלכער איז נישט צו באַנעמען מיטן פאַרפירטן שכל,) האָט געמוזן אַריינלויכטן צו אים, דעם האַרץ־אימפּולס — אין זיין אינטואיציע, (דער אַזויגערופענער זעקסטער חוש; וועלכער קאָן, אַגב, באין־אופן, אינעם מענטשנס חומר נישט לאָקאַליזירט ווערן;) ד. ה. אין אַזאַ אייגנשאַפט אין אים, וועלכע עס איז אויך ניט צו באַנעמען מיטן ברוטאַלן מאַטעריאַליסטישן שכל; ווייל דאָס איז, אייגנטלעך — אַ מין געטלעך קול אינעם מענטשנס האַרצן; וועלכעס רעדט צום מענטשן, תמיד; אָבער, בלויז די גלויביקע פאַרנעמען גאָטס רוף און ווערן געגעזן...

ווי מע זעט: איין שלייער, געדעקט דורכן צווייטן — כדי די אינטריגע זאָל אָנוואַרפן מער פחד און צעטומלעניש...

ער, דער הפקרדיקער האַרץ־אימפּולס — אין זיין חוצפּה — גייט אַצינד נאָך ווייטער; און, זובנדיק איינצושטעלן זיין איינציקע אויטאָריטעט אינעם מענטשן, — פּרוּווט ער אפילו דעם גאַנג פון שכל גופא אָנשטעקן מיט אינטואיציע; (עס הייסט: אַז ער בויעט אויף אַן אייגענע „לאָגיק";) און קעגן דעם, וואָס דער מאַרך־אינטעלעקט באַנעמט זיין באַוועגונג פון סיבה און פאָלגע, ד. ה., פון זיין דענקען — דורך טעזע־אַנטיטעזע, (דער פּאַר און דער קעגן — די סיבה,) וועלכעס ברענגט אים אַליין — דעם איך־אינטעלעקט מיט זיין כאַראַכטער — צולעצט, אַנטשיידן זיין אייגענעם סינטעז, (די פאָלגע), — רוקט אַרויס דער האַרץ־אימפּולס זיין אייגענע „אויפקלערונג": וועלכע איז אין הסכם מיט זיין אַלגעמיינער גאָט־פילאָזאָפיע — אַן וועלכן

עס איז סינטעז, אין דער נאַטור; במילא, איז ער אויך ניטאָ, דער סינטעז, אינעם מענטשנס שכל. און אַזוויי עס באַגעגענען זיך ניט די עקסטרעמען אין דער נאַטור: דער טאָג מיט דער נאַכט, דאָס ליכט מיט דעם פינצטער, א. א. וו.; נאָר, זיי ווערן באַשטימט און געטוישט — לויט גאָטס ווילן (ד. ה. — אַלס אָפּשפּיגלונג פון זיין ווילן;), — פונקט אַזוי באַגעגענען זיך ניט די עקסטרעמען, קיינמאָל — דער פ אַ ר און דער ק ע ג ן — אַפילו אין דעם פאַרבלענדעטן מענטשנס שכל. דערפאַר, בלאָנזשעט ער עס אַזוי — דער מענטש ד ע ר ב ר ־ ד ע ת, וואָס שפּאַרט זיך אָן, אַזוי פאַריסן־שטאָליץ, דורכוים אַף זיין שכל; און ער קאָן, קיינמאָל, צו קיין טאָלק ניט דערגיין. און אויב ער קומט ניט אום — מיט אַלע זיינע שטרויכלונגען, — איז דאָס בלויז דערפאַר: ווייל עס דערהאַלט אים דער ווילן פון גאָט. דאַקעגן: אויב ער נעמט אַמאָל יאָ אָן, דער שכל, אַ נאָבעלן ווירקלעך־איידעלן באַשלוס, — איז דאָס אויסדריקלעך דערפאַר: ווייל גראָד איז געווען דאַן פאַר אים אַ שעה פון חסד; און עס האָט געטון אין אים אַריינלויכטן דאָס ליכט פון האַרץ־אימפּולס' א י נ ־ ט ו א י צ י ע, די שטים פון גאָט — דאָס איינציקע קול, וואָס איז באַרופן זיך־אַרויסצושטעלן, ווי דער לעגיטימער א י ך פונעם מענטשן. ווייל אַלע וועגן — ווי געזאָגט — פירן צו גאָט...

אָט אַזוי — ווי מע זעט — זוכט ער, דער האַרץ־אימפּולס־שאַרלאַטאַן: צו גרייכן, מיט זיין פאַרטומלעניש, אַפילו ביז צום מענטשנס לויטערן מאַרך־אינטעלעקט — כדי צו דערגרייכן זיינע געמיינע אַנטיסאָציאַלע צילן.

ער טוט זיך אַליין דערקלערן: שיר נישט — אַלס דער מהות פון גאָט; ווי דאָס אָפּבילד זיינס. עס הייסט: אַז גאָט אַליין מוז זיין אימפּולסיוו, — אויב ער האָט אים, דעם האַרץ־אימפּולס, אויסגעקליבן פאַר זיין וואוינונג אינעם מענטשן. און במילא: דאַרף אויפהערן די ברומעריי פון מאַרך־אינטעלעקט: „אַז ער, דער האַרץ־אימפּולס, איז בלינד! ווייל ער ווייסט ניט קיינמאָל, וואָס ער וויל; ער האָט ניט קיינמאָל קיין שום סאָציאַלע באַגרינדונג, ד. ה. קיין פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע כ ע סיבה און פאָלגע פאַר זיין ווילן; ער ווינטשט ניט קיין גוטס, צי שלעכטס פאַר עמיצן, (פאָלגע) — דערפאַר, ווייל יענעם קומט דאָס, (סיבה) — נאָר — ווייל אַזוי איז זיין בלינדער וואונטש, (בלינדע אומדערקלערלעכע סיבה און פאָלגע אין־זיך), אָן שום זין, אָן שום דערקלערונג; און פונקט אַזוי גוט, ווי ער ווינטשט גוטס, ער רופט צו רחמנות, — אַזוי גאַנץ־אומגעריכט קאָן ער נעמען רופן צו האַס — אויך אָן דער מינדסטער באַגרינדונג, אָן וועלכער עס איז דערקלערונג, ניט פאַר זיך, ניט פאַר יענעם; ליבע און שנאה, רחמנות און האַס וואַקסן ניט אַרויס בא אים — איינס פון דאָס אַנדערע, אין פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע כ ע ר סיבה און פאָלגע,

ווי באַ דעם שכל, למשל: וועלכער הייסט האָבן דעם שלעכטן, (סיבה און פאַלגע אין זיך — סיבה,) און במילא — ליבן דעם גוטן, (סיבה און פאַלגע אין זיך — פאַלגע,) און דאָס אייגענע — פאַרקערט. ניין. באַ אים — באַ דעם בלינדן האַרץ־אימפּולס — גילט אַן אייגענע בלינדע סיבה און פאַלגע פאַר ליבע און פאַר האַס. ער הייסט ליבן — זאָגאַר דעם שלעכטן, (פאַלגע,) ווייל ער הייסט ליבן, (סיבה.) אָבער, גלייך קאָן אויפקומען אין אים אַ פאַרקערטער בלינדער שטוים: צו האַסן דעם זעלבן — וועמען ער האָט פריער געהייסן ליבן, (אָדער — האַסן גראָד אַ גוטן,) — און שוין ווערט דאָס באַ אים — די פאַלגע פון דער סיבה, ד. ה.: האַסן — ווייל ער הייסט האַסן. אָט די דאָזיקע ווילקיר־שטויסן פון בלינדן האַרץ־אימפּולס קלערט ער אויף, דער מאָרך־אינטעלעקט, ווי באַוואוסט, מיט דער־מיט: וואָס ער, דער האַרץ־אימפּולס, איז — ווילנלאָז; און ער ווערט נאָכאַנאַנד געשלעפּט צוריק צו זיין כאַאָטישן שטאַם פון אומקום; און דאָס, פאַרשטייט־זיך, מיינט דער אימער־אומפאַרענדערלעכער האַרץ־אימפּולס צו דערגרייכן: *מיט זיין ליבע* — נישט־ווינציקער, ווי מיט זיין שנאה און אכזריות; ווייל אין תוך פון זיין כלומרשטער ליבע — פון זיין טטאַטישער קאָנסערווירונג — צאַפּלט די שטים: אויפצוברעכן יעטווועדע סאָציאַלע פאָרם און זיך־באַהעפטן, אין אויספלוס, צו פאַרמלאָזן כאַאָס..."

איז, נישט־קענענדיק דאָס פאַרלייקענען, — זוכט דער האַרץ־אימפּולס זיך צו שיצן אונטער די פליגל פון זיין גאָט; און ער דערקלערט: — אַז גאָטס ווילן — דער רחום־וחנון! און קנאָ־ונוקם — צאַפּלט אין אים; און ער איז, דאַרום — זיין ווילן — אַזוי־אומדערקלערלעך, אָבער, דערפאַר — אַזוי אומבאַריר־לעך־הייליק, — פונקט ווי גאָט אַליין!...

10

נאָר, דער אין־קאַמף־געשולטער מאָרך־אינטעלעקט דערשרעקט זיך גאַנץ־ווינציק פאַר דעם האַרץ־אימפּולס׳ ביליק־פאַנטאַזיישע טעאַטראַלע־רייען; און ער נעמט זיך צו אים — גאַנץ־געלאַסן, מיט אַ טאַלק.

ער האַלט אים, קודם־כל, פאַרן וואָרט: אַז ער און גאָט, דאָס איז — איינס; איין געשטאַלט — הינטער צוויי מאַסקעס, וועלכע דעקן זיך קעגנזייטיק... און ער הויבט אָן די אומברחמנותדיקע דעמאַסקירונג פון זיין מאָנסטעריעזן שאַרלאַטאַניש־אַוואַנטוריסטישן אימפּולס־גאָט.

ער איז, *פאַר אַלעם*: *אַסאָציאַל, אַמאָראַליש* — אין זיין מהות, (ווי זיין דערפינדער, דער בלינדער האַרץ־אימפּולס אַליין;) און, במילא: *אַנטיסאָציאַל און אַנטימאָראַליש* — אין זיין ווירקונג קעגן דעם אינטעלעקטועלן מענטשן: ווייל ער פילט דאָך גיט קיין נויטווענדיקייט אין מענטשנס אַסאָציאַציע, אין מענטשנס קאַמף

פאַר עקזיסטענץ, אין מענטשנס אָנשטרענגונג; ער נעגירט דאָך דאָס אַלץ; פּונקט, ווי ער פילט ניט קיין שולד, גישט קיין דאַנקבאַרקייט צום מענטשן.

ער איז: אַהיסטאָריש — אין זיין מהות, (ווי זיין דערפינדער, דער בלינדער האַרץ־אימפּולס אַליין;) און, במילא: אַנטיהיסטאָריש — אין זיין ווירקונג קעגן דעם אינטעלעקטועלן מענטשנס עקספּאַנסיע: ווייל ער — דער פּערפעקטער איינציקער ענטפער אַף אַלע מענטשן־פראַגן, (דער ענד־ציל פון מענטשנס היסטאָרישע בלאָנדזשעניש אַף דער וועלט!) — נוציקט זיך ניט דערין...

ער לעבט קיינמאָל גאָרנישט איבער, ער פאַרמאָגט נישט דעם מינדסטן חוש פאַר לעבן, (ווי זיין דערפינדער, דער בלינדער האַרץ־אימפּולס): ווייל ער שטייט דאָך אימער — אויסער דעם לעבן... נישט ער מאַכט דורך דעם אינטעלעקטועלן מענטשנס קולטור־געשיכטע; נישט ער דערפאַרט עפּעס פון זיין עקספּעריענץ, (לעבן מיינט — דורכלעבן, איבערלעבן, דערפאַרן, אַנטפּלעקן;) כדי צו קענען וואַקסן — ווי דעם מענטשנס מאַרך־אינטעלעקט. ניין. ער, דער פּערפעקטער גאָט, (פּונקט ווי זיין באַשעפער, דער האַרץ־אימפּולס): אַליין — דאָס וויסן, — בלייבט דאָך אימער — סטאַטיש; ער וואַקסט נישט... ער איז אויך — אָן כאַראַקטער און,במילא, אָן ווילן, (ווי זיין גרייזלעכער דערפינדער, דער האַרץ־אימפּולס אַליין.) ווייל ווילן און כאַראַקטער (ווי מיר האָבן דאָס פריער געזען,) זענען אייגנשאַפטן, וואָס טיילן זיך אויס, אויסשליסלעך — אינעם סאָציאַלן אינטעלעקט: כדי צו קענען בייקומען דעם מענטשנס נויט. ווילן און כאַראַקטער, דאָס זענען — באַוועגונגען און גראַנגלען אין דעם מענטשנס פאַרשטאַנד, (און אין זיין גוף,) וועלכער דאַרף אָננעמען די נויטיקע שלוסן, (און אָפּגעבן די געהעריקע באַפעלן צום גוף,) — כדי צו דערהאַלטן דעם מענטשנס עקזיסטענץ. דאַקעגן — אין פּערפעקטן גאָט, צו וועמען אַלץ געהער און איז אונטערגעוואָרפן, — אין פּערפעקטן גאָט, וועלכער איז אַליין — די עקזיסטענץ, — איז נישטאָ קיין אָרט (ווייל קיין שום נויט און גרונד) פאַר וועלכע עס איז באַוועגונגען און גראַנגלען. ער האָט נישט קיינע שטערונגען — האָט ער ניט קיין נויט אין ווילן עטוואָס בייצוקומען. ער איז — די פּערפעקטע אומבאַוועגלעכקייט אַליין; במילא, קאָן ניט געמאָלט זיין אין אים דער אויפקום און די אויסטיילונג פון וועלכן עס איז ווילן און דאָס דאַרפן אָנווענדן כאַראַקטער, אום זיינס צו דערגרייכן. גיכער, זענען דאָס — די בלינדע אימפּולסן זיינע; וועלכע דאַרפן זיך ניט אויסטיילן אין אים: ווייל דאָס זענען זיי — ער אַליין...

דער אימפּולסיווער גאָט — ווי מיר זעען — איז, לויטן מענטשנס סאָציאַלן פאַרשטאַנד: אַסאָציאַל, אַהיסטאָריש, אָן כאַראַקטער און אַמאָראַליש. ער איז דורכויס — אימפּולס. ער איז לגמרי — אויסער דעם שכל־

דיקן מענטשנס געזעלשאַפט. ער וואַקסט ניט אַרויס פון איר מיט; נישט פון אירע נויטן און זאָרג. עס איז נישטאָ פאַר אים קיין אָרט, נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין אירע יסודות: אין איר אַרבעט, אירע אָנשטרענגונגען, אירע סאָציאַלע שכלדיקע סיבה און פאָלגע; במילא, נישט — אין אירע פליכטן פון מאָראַל, שולד, דאַנקבאַרקייט א. א. וו. נישט זי, די סאָציאַלע מענטשלעכע געזעלשאַפט, האָט אים דערפונדן — דעם פערפעקטן לײדיקגייער, דעם אייביק־יונגן־אייביק־אַלטן (רייפן) טעאַטראַלן גאַלאַן־שאַלטיק, מיט זיינע אומבאַגרעניצטע ליבע־פרעטענזיעס; נישט זי נויטיקט זיך אין אים; נישט זי האָט צייט און געדולד פאַר אים.

זי, מיט איר שווער־אויסגעהאָרעוועטער טיף־אינערלעכער און שכלדיקער מאָראַל — וועט קיינמאָל ניט אָנערקענען די בלינדע איך־„מאָראַל" פון אַ אימפולסיוון גאָט־אָנשיקעניש; וועלכער שרייט — מיטן מויל פון זיין שאַרלאַטאַנישן העראַלד, דעם האַרץ־אימפולס: — אַז אַלע וועגן פירן צו אים; ווייל ער אַליין איז — די עקזיסטענץ; און, דערפאַר: איז פאַלש דער וועג פון אַרבעט — אַף איינצושאַפן אייגנטום, געזונט, — ווען עס הערשט אומעטום דער וואונדער פון גאָטס ווילן — דער נס!

דער סאָציאַלער מאַרך־אינטעלעקט פון מענטשן שליסט אויס קאַטעגאָריש — דאָס וואונדער; יעטווועדע איינשאַפונג פון אייגנטום, וואָס קומט ניט דורך סאָציאַלער האָרעוואַניע; און ער שטעמפלט עס, אַלס — שקר, וואָס אַטענטירט קעגן דער געזעלשאַפט, (אין סאָציאַלן זין פון וואָרט,) מיט אירע איינציק־באַרעכטיקטע וועגן צו דעראָבערן. עס גיבט ניט קיין אייגנטום — אויסער דער סאָציאַלער געזעלשאַפט; ווייל אויסער איר — איז אויסגעשלאָסן יעטוועדע מעגלעכקייט פון דעראָבערונג. אינערהאַלב ווידער דער געזעלשאַפט, — מוז די אָנייגעניש זיין דורכויס — אַ ס אַ צ י אַ ל ע, ד. ה. דורך גלייכער אַרבעט און גערעכטער באַפרידיקונג פון אַלעמענס נויטן. און דאָס אַלעס שליסט, במילאָ, אויס דעם וואונדער: נישט דאָס נויטיקן זיך אין אים, נישט זיין מעגלעכקייט; און דעמאַסקירט אים — אַלס אויסדרוק פון בלינדן האַרץ־אימפולס' (דעם אַלטן שונא פון דער געזעלשאַפט,) פאַרברעכערישן שטרעבן צום לייכטן רויב... וואונדער — דאָס איז דער רויב־פאַרברעכן פון אַנטיסאָציאַלן האַרץ־אימפולס!...

דער סאָציאַלער אינטעלעקטועלער מענטש — מיט זיינע אומויפהערלעכע קאָנסטרוקטיווע זאָרג, אין קאַמף פאַר זיין עקספּאַנסיע, מיט זיין שוואונג און אומדערמידלעכער פאָרשונג פון דער רעאַליטעט אין דער נאַטור, — ווי נישטיק, נעבעכדיק־אָרעם און פּאַיאַציש־לעכערלעך עס קומט פאַר קעגן אים דער פּרעטענציעזער אימפולס־גאָט: מיט זיין ביליקער שוואַרץ־קינצלערישער אַלמעכטיקייט; מיט זיינע שאַרלאַטאַנישע גאַסן־אוואַנטורעס — פאַר דעם גלויביקן המון! און, מיט עקל, שטויסט ער אים אַרויס פון זיך...

11

אָבער דער שונא, דער האַרץ־אימפּולס — בלייבט אין אינערן פונעם מענטשן, אַף דער לויער. ער איז פאַרביסן, אין זיין בלינדקייט; און ער גיט קיינמאָל ניט נאָך. ער איז אויך ניט — אַזוי עלנט און שוואַך, ווי עס קאָן זיך איינעם אויסדוכטן; און ער איז — צו־אומפאַרשעמט, — אַף צו מאַכן אַ ווען דערפון, וואָס דער סאָציאַלער מאָרך־אינטעלעקט איז אים געקומען דעמאַסקירן... ער זאַמלט זיך ווידער אויף מיט די זייניקע — אָ, מיט דער גאַנץ־גרויסער באַנדע אייביקע טרייע אָנהענגער — און ער טוט ווייטער שפּילן פאַר זיי דאָס זיסע לידל פון גאָט, מיט זיינע וואונדער פאַר די גלויביקע...

ווער־זשע זענען זיי דאָס, די אָנהענגער זיינע? און איר וועט זיי דער־קענען גלייך: אין דער פרוי, אין דער דעזאָרגאַניזירטער מאַסע פון אַלע צייטן, אין דעם מענטש פון האַרץ־אימפּולס, און אין דעם קינד...*

אין דער מענטשן־פלאַנץ, ווי באַוואוסט, (אַקוראַט ווי אין דער פלאַנצן־וועלט, בכלל: אין דער ביאָלאָגיע, אַף אַלע אירע שטאַפּלען, ד. ה. — אין דער טיף פון אירע אָרגאַנישע קעמערלעך) — גייט אָן, אָן־אויפהער, דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, (פאַר דערהאַלטונג,) אין נאַטירלעכן אָפּקלויב, (פון דעם פערפעקטערן,) דורך דעם נאָכאַנאַנדיקן גראַנגל צווישן דער טענ־דענץ פון י ר ו ש ה, ד. ה.: פון רעפּראָדוקציע, פון ציען אַף צוריק, קאָנסערווירן דעם אַלטן מין ווי געווען — און דער טענדענץ פון צ ו־פּ אַ ס ו נ ג צו די שטענדיקע ענדערונגען אין דער דרויסנדיקער נאַטור: אַדאַנק דער דערנערונג, ד. ה. דער אַבסאָרבירונג פון לופט, וואַרעם, ליכט און שפּייז אין מענטשנס אָרגאַניזם, בכלל.

אָט דער גראַנגל צווישן ירושה און צופּאַסונג האָט דערפירט דערצו: אַז — נאָך אַף דעם אור־שטאַפּל פון דער ביאָלאָגיע, אין אירן אַ רייף־פעריאָד פון עוואָלוציע (סיבה,) און רעוואָלוציע, (פאָלגע,) ד. ה., אַף אירן אַ שייד־וועג, — זאָלן האָבן אַנטשטאַנען און זיך־אויסגעטיילט: פון איין זייט — ספּעציעלע קעמערלעך מיט אַן איבערוועגנדער ס ט אַ ט י ש־פּ אַ ס י וו ע ר ירושה־טענדענץ צו רעפּראָדוקציע, וועלכע זאָלן סימפּאַ־טיזירן בלינד אַף צוריקצואוועגס, צו אַבסאָלוטער כאַאָטישער פאָרמלאָ־זיקייט, ד. ה. צו דער גענצלעכער צעשטערונג פון דער אָרגאַנישקייט, פון

---

* עס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן: אַז בעת דער סאָציאַלער מענטשלעכער געדאַנק זוכט זיך צו פאַרבינדן מיט דער באַוואוסטזיניקער מאַסע פון דער אַסאָציאַציע, כדי צו דערקענען די אַרומיקע נאַטור, זיך צופּאַסן צו איר און גיין פאַרויס, — זוכט דער אימפּולס זיך צו פאַרבינדן מיט דער בלינדער כאַאָטישער מאַסע, כדי זיך אָפּצוקערן פון דער וועלט אוז, אין פאַרשטאַרקטער ירושה־טענדענץ, אַדאַנק מאַסן־אידענטיפיצירונג — צוריקגיין צו אויפלייזן...

דער אַקאַרשט־אַנטשטאַנענער פאָרם אין דער נאַטור, און מירן זיי אַנרופן, דערפאַר, אַט די קעמערלעך — ו י י ב ל ע כ ע; און פון דער אַנדערער זייט — ספּעציעלע קעמערלעך מיט אַן איבערוועגנדער ד י נ אַ מ י ש־ אַ ק ט י ו ו ע ר צופּאַסונגס־טענדענץ, וועלכע האָבן פריי סימפּאַטיזירט, מיט זייערע טענסאַציעס, צו דער אַרומיקער נאַטור מיט איר ספער: צו איר ליכט, לופט און וואַרעם, כדי, צוזאַמען מיט איר — וואַקסן, זיך־ענדערן, באַם לעבן זיך־דערהאַלטן, און מירן זיי אַנרופן, דערפאַר — מ ע נ ל ע כ ע .

דער וויטערדיקער גראַנגל אין דער ביאָלאָגיע צווישן די צוויי עקסטרעמען־קעמערלעך האָט, פאָלגלעך, געבראַכט דערצו, (לויט די זעלבע שטרענגע געזעצן פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אָפּקלויב,): אַז די אייגענע פּראָצעסן זאָלן זיך ווידערהאָלן, אין זייערע פאַרשיידנסטע וואַריאַציעס; און וואָס־ווייטער — אין אַ אַלצמער־פערפעקטערער און בולט־אָנזעעוודיקער פאָרם; העט, ביז צו דער מענטשן־פלאַנץ — וואו עס האָבן זיך, אַפן שייד־וועג, צום ערשטן מאָל, באַוויזן: פון איין זייט — ד י פ ר ו י, מ י ט א י ר א י ב ע ר וו ע ג נ ד ן ה אַ ר ץ־אַ י מ־ פ ו ל ם, — און אַלע פאָלגלעכע אייגנשאַפטן דערפון; און, פון דער אַנדערער זייט — ד ע ר מ אַ ן, מ י ט ז יי ן א י ב ע ר וו ע ג נ ד ן מ אַ ר ך־ א י נ ט ע ל ע ק ט — און אַלע פאָלגלעכע אייגנשאַפטן דערפון . . .

אַצינד, האָט דער אַנטיטעטישער גראַנגל, אין זיין ווייטערדיקער שטרענג־ביאָלאָגישער עקספּאַנסיע — זיך־גענומען פּרעזענטירן אין אַ גענצלעך־נייער רעוואָלוציאָנערער פאָרם: אין אַ קאַמף צווישן דער פרויען־פלאַנץ און דער מענער־פלאַנץ, (ביידע — געטריבן דורך דער געשלעכט־לעכער נויט, דורך דעם סעקסועלן הונגער;*) צוערשט, אַזוי צו זאָגן, אַפן

* זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן: אַז געשלעכטלעכע נויט איז ניט דאָס זעלבע, וואָס די נויט פון דערנערונג. די לעצטע איז — דער דראַנג צו צופּאַסונג, צו גיין פאָרויס. דאַקעגן, די געשלעכטלעכע נויט איז — דער דראַנג צוריקצוגיין צו כאַאָס. דער אַקט, דאָס נאָכקומען דעם געשלעכטלעכן דראַנג, איז — אַ צוריקגאַנג פון מענטשן־פלאַנץ, מאַן און פרוי צוזאַמען: אויס קולטור־שבלדיק־סאָציאַלער יבשה — צום כאַאָס־פּלום, צום ים פון פאַרפּלייצונג, נישט־ווערן. דער געשלעכטלעכער דראַנג איז — בדרך־כלל־גענומען — די טענדענץ פון אימפּולס; און דער אַקט — אַ זיג פונעם לעצטן: מיט אַלע זיינע טענדענצן פון ליבע און האָט פאַראַמאָל, פון גענוס און צעשטערונג. אָבער, איבערהאַלב דעם אַלעם, — בלייבט דאָך דאָס מענלעכע קעמערל — טריי זיין קאָנסטיטוציע: זיין דראַנג צו עקספּאַנסיע אין פאָרויס; און דאָס ברענגט — אין רעזולטאַט — צו דער רעפּראָדוקציע, אמת; נאָר — פון מאַן, אַזוי גוט ווי פון פרוי; און, אַזויאַרום, איז ווידער געוואונען די ערבות פאַרן מענטשנס קולטור־פּראָגרעס. באַלד ווידער, נאָכן אַקט, — קערט אום דער מאַן, דער פאָטער — אין זיין צופּאַסונגס־טענדענץ — צוריק צו זיין סאָציאַלער געזעלשאַפט. דאַקעגן, די באַפרוכפּערטע פרוי, די מוטער — אין איר ירושה־

שוים פֿון דער פֿרייער נאַטור; אָבער, מיט דער צייט, איז דער סאַמף אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן אַף די בעט־פּלאַנטאַציעס פֿון דעם מענטשנס געזעלשאַפֿט: אַוואו, איטלעכס מאָל, אַפֿן שייד־וועג, — איז אַנטשטאַנען — באַגלייך מיטן מאַרד־אינטעלעקטועל־איבערוועגנדן מאַן — אויך די פֿרוי, מיט איר איבערוועגנדן האַרץ־אימפּולס; און נאָכהער, אין די ווייטערדיקע וואַריאַציעס, — האָט אויך געקומען אַנטשטיין אַ נייער טיפּ מאַן, מיט אַן איבערוועגנדן האַרץ־אימפּולס — דער אַזויגערופֿענער ווייבלעכער גאַז: וועלכער, אין זיין פּסיכישער וועלט, שיידט ער זיך בּמעט מיט גאָרנישט אונטער פֿון דער אויטענטישער פֿרוי...*

טענדענץ — פֿאַרלאַזט בליץ־שנעל די אַרויפֿגעצוואונגענע אַף איר ציוויליזאַציע פֿון דער יבשה, פֿון מאַנס כּמציאלער געזעלשאַפֿט; און זי נידערט אַלץ טיפֿער אין ים פֿון איר כאַאָס, פֿון אונזער אַלעמענס פֿאַרגאַנגענהייט...

אַגב, זאָל דאָ געצייגן ווערן די אויפֿמערקזאַמקייט אַף נאָך עפּעס: וויאַזוי די טעזע־נאַטור — מיט איר בלומרשטן אינסטינקט פֿון דערהאַלטונג, פֿון קאָנסערווירונג, מיט איר אַזוי־גערופֿענער זאָרג פֿאַרן קיום־המין, (די טעזע־טענדענץ פֿון ירושה, רעפּראָדוקציע — איינערהאַלב דעם מענלעכן קעמערל...), — טוט עס דער מענטשהייט אַ גערישע טובה — פֿאַרשטיינענדיק די וועלט מיט קינדער. ווייל, ווי באַוואוסט: איז דער „אַלטרואיסטיש־אידעאַליסטישער" מענלעכער אויספֿלוס — בּאַ איין געשלעכטלעכן אַקט — מסוגל צו באַפֿרוכפּערן דריי הונדערט מיליאָן פֿרויען...; וואָס באַווייזט, אַז דער אונטערשטער שורה: די יאָרע טענדענץ פֿון דער אימפּולסיווער נאַטור, איר אינסטינקט — צו בלומרשטער לעבנס־פֿאַרפֿלייצונג; נאָר, אין דערווירקלעכקייט — דער דראַנג צו אומברענגען, צו טויט...

* עס איז דאָ אַמפּלאַיען אַ דערקלערונג צו דער אַלגעמיינער וועלט־דיסקוסיע וועגן פֿרוי און מאַן. די אַנהענגער פֿון פֿרויען־גלייכהייט צום מאַן טענהן: אַז ביאָלאָגיש־(אַנאַטאָמיש)־גענומען, שיידן זיך דער מאָרך און דאָס האַרץ פֿון דער פֿרוי — אין זייערע פֿונקציאָנירונגען — מיט גאָרנישט אונטער פֿון דעם מאַנס... מיינען מיר: אַז דאָס איז, מסתמא, ריכטיק. פּונקט, ווי עס איז ריכטיק: אַז דער האַרץ־אימפּולסיווער מאַן שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פֿון דעם מאַרד־אינטעלעקטועלן מאַן — ביאָלאָגיש־אַנאַטאָמיש־גענומען; עס הייסט (אין ביידע פֿאַלן): אַף וויפֿל די וויסנשאַפֿט באַווייזט צו אַנאַליזירן דאָס פּראָבלעם, היינט צו טאָג. און דאָך: וואָס פֿאַר אַ גרייליכער אונטערשייד צווישן די רעאַגירונגען פֿון דעם ווילנלאָזן האַרץ־אימפּולסיוון מאַן — וועלכער הערשט, מיט זיין האַרץ־אימפּולס, איבער זיין מאַרד־אינטעלעקט און צווינגט דעם לעצטן צו שטיין אין דינסט פֿון זיינע בלינדע צעיושעטע אינסטינקטן און פֿאַר זיי פּראָדוצירן זיין מאַרד־אינטעלעקטועלע פּראָדוקציע, — און די רעאַגירונגען פֿון דעם כאַראַקטער־פֿולן מאַרד־אינטעלעקטועלן מאַן — וועלכער הערשט, מיט, [redacted] מאַרד־אינטעלעקט, איבער זיין בלינדער אימפּולס־וועלט און שטעלט אין דינסט איר קאָנסערווירנדע ענערגיע פֿאַר זיינע דערהויבענע שאַפֿונגס־צילן! און דאָס וועט דאָך יעדער פֿאַרנונפֿטיקער מענטש צוגיבן: אַז אומעטום, און אין אַלע צייטן, האָבן זיך בלויז יחידים, געציילטע מענטשן, אויסגעטיילט מיט מאַרד־אינטעלעקטועלער אינטעליגענץ; דאַקעגן, די מערהייט מענטשן (אַטאַר, אמת, צוליב מאַנגל אין דערציונג,) איז געבליבן בלינד פֿאַרשקלאַפֿט צום בלינדן אימפּולס — הגם, נישט אויסערלעך, נישט אינערלעך — איז קיינמאָל נישט געווען צו מערקן אין קיינעם קיין פֿונדאַמענטאַל־ביאָלאָגישן חילוק אַף

ערשט — ווען דער מענטש מיט זיין מאַרך־אינטעלעקט האָט, געטריבן דורך דער מאַטעריעלער נויט, גענומען בויען זיין סאָציאַלע געזעלשאַפט, ד. ה. פאַרזעצן זיין וויטערדיקן עקאָנאָמישן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זיין ווירטשאַפטלעכע עקספּאַנסיע איבער דער וועלט, — האָט זיך אַרויסגעשטעלט: אַז ער קאָן ניט מאַכן קיין שפּאַן — אָן דער האַרץ־אימפּולסיווער פרוי, וועלכע דאַרף מיטמאַכן מיט אים דעם וועג, אינערהאַלב זיין סאָציאַלער אַסאָציאַציע; און וועלכע וועט זוכן, (ווי מע דאַרף זיך אָנשטויסן אַליין,) לייגן אַף דער אַסאָציאַציע איר אייגענעם חותם, דעם האַרץ־אימפּולסיוון — לויט עס וועט איר דיקטירן, פאַרשטייט זיך, איר אייגענע נאַטור...

און אַ נייער צוזאַמענשטויס, אַ נייער אַנטיטעטישער געראַנגל צווישן מאַן און פרוי, (אַ חוץ דעם דירעקט־סעקסועלן, עס הייסט: צווישן די ווייבלעכע קעמערלעך, מיט זייער סטאַטישער טעזע־ירושה־טענדענץ צו רעפּראָדוקציע־קאָנסערווירונג־צעשטערונג — און די מענלעכע, מיט זייער דינאַמישער אַנטיטעזע־צופּאַסונג־טענדענץ צו דער אַרומיקער נאַטור, צו ענדערונג־שאַפונג,) איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך; אַ געראַנגל, אַזוי צו זאָגן, אַ ריין־געזעלשאַפטלעכער. ווייל ער, דער מאַן, האָט זיך געדאַרפט ריכטן: אַז קענן זיינע ל אָ ג י ש ע סאָציאַלע באַגריפן פון סיבה און פאָלגע, צו אַנטשיידן זיינע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, — וועט זי, די פרוי, אַרויסרוקן און זוכן צו אימפּאָנירן אירע אייגענע האַרץ־אימפּולסיווע און, במילא, אַ ס אָ צ י אַ ל ע באַגריפן פון סיבה און פאָלגע; וועלכע וועלן זוכן צו צעשטערן, במילא, אַלדאָס זייניקע און אויפרייסן, אַזוי־אַרום, די סאָציאַלע געזעלשאַפט. אַ חוץ דעם, וועט די פרוי ד י מ ו ט ע ר זוכן אויסצואיבן איר כמעט־אומבאַגרעניצטן איינפלוס אַפן יונגן אומדערפאַרענעם קינד (פון ביידע געשלעכטער,) באַ וועמען (באַם אינגל, אַלציינס ווי באַם מיידל,) — פונקט ווי באַם יונגן מענטש, בכלל, אין דער

אַזויפיל. און דאָס זעלבע, מיינען מיר, דאַרף קאָנסטאַטירט ווערן: ווען מע קומט פאַרגלייכן — בדרך־כּלל — די רעאַגירונגען פון דער פרוי צו די זעלבע — פונעם מאַן; אַזוי דערזעט מען גלייך: ווי אין אים הערשט דער מאַרך־אינטעלעקט — וועלכער זוכט צו דאָמינירן דעם אימפּולס; בעת אין איר הערשט דער האַרץ־אימפּולס אומבאַגרעניצט. און ער זוכט כּיטרע צו קאָרומפּירן דעם מאַרך־אינטעלעקט...

קלאָרער פאָרמולירט: דער פרייער געדאַנק פון סאָציאַלן מאַן דענקט און פאַרגעדענקט אַלעס, וואָס מע דאַרף — לטובת דער געזעלשאַפט. דער פאַרשקלאַפטער געדאַנק פון דער אַסאָציאַלער פרוי געדענקט אויך אַלעס; נאָר ער דערמאָנט זיך בלויז דאָס, וואָס די „זי" דערלויבט — לטובת אירע אינטערעסן... אַ חוץ דעם: טוט דער סאָציאַלער געדאַנק פון מאַן אויך איבערבויען זיין געפיל־וועלט און ער פאַרוואַנדלט זי — אין אַ סאָציאַלער, אַ מאָראַלישער. דאַקעגן, באַ דער פרוי בלייבט די געפיל־וועלט — אַסאָציאַל, אַמאָראַליש, אומבאַרירט־כמעט פּרימיטיוו, ווי געווען. (אַט די קורצע אַמפּלאַציקע קאָנסטאַטירונג וועט, באַ אַ אַנדער געלעגנהייט, ווערן פיל מער אויסגעברייטערט און באַגרינדעט.)

פרע־געשיכטע — דער הארץ־אימפולס איז (אדאנק זיין אויפקומען פ ר י ע ר אין דער ביאלאגישער עקספאנסיע,) סיי־ווי שטארקער פונעם מארך־אינטעלעקט; ווען זי, די מוטער, זעען טון אלץ, וואס אן איר באַלאנגט: אז אזוי, איבערוועגנד־אימפולסיוו — זאל שוין דאס קינד פארבלייבן, פונקט ווי זי ...

אזוי האט זיך דער סאציאלער מענטש, אינערהאלב זיין געזעלשאפט, געזען ארומגערינגלט מיט שונאים — פון אלע זייטן, וועלכע האבן אים נאכאנאנד געלייגט שטיינער אפן וועג; אז ער האט ניט געקאנט מאכן קיין איין טראט פארויס, אין קאמף מיט דער ארומיקער נאטור — דאס עס זאל אים ניט אויסקומען צו באקעמפן, צוגלייך, די אלע אומצייליקע געפארן, וועלכע האבן גאר געלויערט אף אים פון אינעווייניק און אים געשלעפט, מיט מוראדיקער לאסט, אף צוריק...

אבער ער, דער סאציאלער מאן, האט קיינמאל ניט פארצווייפלט. ער האט קלאר געזען די געפארן און, מיטן זעלבן מוט פון תמיד, געקעמפט — זיי צו באהערשן. ער האט באגריפן די געפאר פון דער פרוי, אינערהאלב דער געזעלשאפט: איר דורכויסיקן אסאציאלן מהות, איר הארץ־אימפולסיווע קינדערשע נישט־דערוואקסנקייט, איר אינפאנטיליש־פארבליבענע פסיכיק; ער האט געשפירט איבער זיך איר שעדלעכע ווירקונג: ווי זי זוכט תמיד צו צעטומלען די לויטערקייט פון זיין מארך־אינטעלעקט; ווי זי קען נישט פארטראגן דעם מארך־אינטעלעקטס דיקטאטן וועגן ארבעט, וועגן זוכן אימער נייע בעסערע פארמען פון עקזיסטענץ; ווי זי ציט, די הארץ־אימפולסיווע פרוי — מיט איר גאנצער רייצנדער לאסט — צום אנטיסאציאלן גאט און זיינע וואונדער; און ווי זי זוכט אים, דעם מאן, צו פארשלעפן אין אומגעצוימטן אין דעם צעבושעוועטן כאאטישן תהום פון איר געשלעכט; צום אויפלייז פון יעטוועדער פארם; רעכט — צו פערווערן אומקום, — און ער האט זיך געווערט קעגן איר, (אליין, א געטריבענער דורך דער גרויסער גויט פאר זיין קיום,) מיט אלע כוחות. ער האט איר ניט געקאנט פארטרייבן, באין אופן, פון זיין סאציאלער מיט: ווייל ער האט באגריפן איר אומבאדינגטקייט פארן לעבן; נאר צוגלייך — די אומפארענדערלעכקייט פון איר נאטור: וועלכע מע מוז זעען דערקענען, ווי זי איז — אזוי גוט, ווי ער, דער מארך־אינטעלעקטועלער מאן, זוכט, אין אלגעמיין, צו דערקענען די רעאליטעט פון די עלעמענטן פון דער ארומיקער נאטור... „רעאלע דערקענטעניש, זינט תמיד! — אט, וואו עס ליגט דער כוח און די ערבות פא ר זיין נצחון!...” און ער האט, דארום, גענומען צוימען דער פרוים הארץ־אימפולסיווע ווירקונג; איר צווינגען דערלערנען זיינע מעטאדן, (לאז זיין — מן השפה ולחוץ) און מיטגיין מיט אים זיין סאציאלן גאנג אינעם לעבן. ער האט גענומען דערשטיקן אין זיך און אין איר יעטוועדן צעשטער־דראנג צו פערווערזיע; און דעם כאא־

טישן געשלעכטס־עלעמענט — סאָציאַליזירן, ד. ה. פּאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַל שעפּעריש געפיל: פון ברענגען דאָס קינד אַף דער וועלט, כדי צו באַנייען און פאָרפלאַנצן די מענטשלעכע געזעלשאַפט... ער, דער סאָציאַלער מאַן, האָט געמאַכט, צוגלייך, די גרעסטע אָנשטרענגונגען — צו נייטראַליזירן איר שעדלעכע האַרץ־אימפּולסיווע ווירקונג אַפן קינד דעם אינגל, (ווי אויך אַף דעם מיידל;): ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך אַף דער ערשטער פּייערליכע, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ — כדי אים צו באַקענען ראַיעל מיט זיין מיסיע אַף דער וועלט... און ער האָט אויך געזען צוימען ביז לעצט — דער סאָציאַלער מאַן — די צעשטערערישע אַמביציעס פון דעם אַזויגערופענעם אימפּולסיוון מאַן אין דער געזעלשאַפט.

אַזוי האָט ער אָנגעטריבן זיין עדה, דער סאָציאַלער מאַרך־אינטעלעקט; און כסדר מאַרשירט אין פאָרויס, איבער די פּליינען פון דער וועלט...

12

אָבער אויך דער האַרץ־אימפּולס האָט ניט פאַרצווייפלט, און כסדר געדרייט די לירע אַף צוריק; געזונגען זיין געזאַנג אָן אויפהער אַפן האַרץ פון דער פרוי, פון דעם האַרץ־אימפּולסיוון מאַן, פון דעם קינד. אָט דאָס איז זי געווען — זיין שטענדיקע טרייע מאַסע אָנהענגער, וועלכע האָט אים תמיד אויסגעהערט און פאַרנומען מיט באַגייסטערונג.

און עס איז געווען געגנג, מיט דער צייט, נאָר איין שלעכטער שריט פון מאַרך־אינטעלעקט: זיין פאַטאַלער טעות מיטן צולאָזן שקלאַפעריי — וואָס האָט געבראַכט צו דער סאָציאַלער אומגלייכהייט, אינערהאַלב דער אַסאָציאַציע, — אַז די קאַדרען פון האַרץ־אימפּולס זאָלן ריזיק אויסוואַקסן — קאָנצענטרירן ארום זיך די גאַנצע כאַאָטישע פאָרמלאָזע מאַסע מענטשן, וועלכע האָבן אַמביציאָנירט פרעמד אייגנטום. און דאַן האָט עס געקאָנט געשעען יענער פינצטערער פאַרעטערישער פאַרמעסט פונעם האַרץ־אימפּולס: צו ברעכן איינגאַנצן די מאַכט פון מאַרך־אינטעלעקט אין דער געזעלשאַפט און, פון דאַן און ווייטער — אליין איבערנעמען די פירונג, אַפן אָרט פונעם ערשטן.

אַז דער פאַראַט איז געלונגען, און דער האַרץ־אימפּולס (מיט די זייניקע) האָט פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן, — האָט ער פיבערהאַפט גענומען איבערבויען דעם גאַנצן פסיכישן איינשטעל פון „זיין” געזעלשאַפט און זי צופּאַסן צו דער „נייער אָרדענונג”. האָט ער צעשטערט דעם מאַרך־אינטעלעקטס סאָציאַלע מאָראַל פון קאָמונאַלער גלייכהייט, אַלע סאָציאַלע באַגריפן פון שולד, דאַנקבאַרקייט און אייגנטום; און אויסגערופן די נייע געהייליקטע פּרינציפּן פון דער גאָט־מאָראַל: פון דעם גאָט־האַר: וועלכער

פאַדערט פאַר זיך די גאַנצע שולד און דאַנקבאַרקייט און וועלכער טיילט איין דאָס איינגנטום אין דער געזעלשאַפט — לויט זיין אומבאַגרייפלעכן ווילן: צו אַ קליינער גרופע — אַסאַך, און פאַר דער מערהייט — גאָרניט.

אָט די קליינע האַרץ־אימפּולסיווע גרופּע, (אַליין — אַ קרבן פון דער פאַרמלאָזער אַסאָציאַלער שקלאַפן־סטרוקטור, וואָס זי האָט איינגעשטעלט אין דער געזעלשאַפט, —) האָט, פאַרשטייט זיך, געזען טון אַלץ — צו פאַרוואַנדלען אויך די מאַסן אירע שקלאַפן אין האַרץ־אימפּולסיווע אַמאָראַלישע, אַסאָציאַלע, אַהיסטאָרישע מענטשן, אָן ווילן, אָן כאַראַקטער: כדי, מיט זייער הילף אַליין, זיך נאָכמער באַמעכטיקן... האָט זי זיך פּירגענומען: צו פערמענטירן אין זיי די אַנטיסאָציאַלע געשלעכטלעכע פּערווערזיע, דעם רייץ צו אַנטימאָראַלישער ליבע אין אכזריות, צו ווילדע אויסגעלאַסענע געזאַנגען, צו וויסטע אָרגיעס; צו פאַרמלאָזער און פּרוכטלאָזער מאַסן־באַהעפטונג צו דער פרוי, וואו ליבע און האַס קרייצן זיך געמיין פּאַריינגס, צום אויפגוס אין כאַאָס און אויפליין... האָט זי גענומען רייצן אין זיי די ברוטאַלסטע אינסטינקטן צו מלחמות און מאַסן־אויסראָטונג... און אָט דעם בראַך האָט זי געהייליקט „וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפיש־טעאָלאָגיש" מיטן טיטל — „געזעלשאַפט"!; עס הייסט: „אַז דאָס איז די הייליקע אייביק־אומפאַרענדערלעכע „פאָרם" פון מענטשנס געזעלשאַפט — אין הסכם מיט זיין נאַטור־אימפּולס!" עס מיינט צו זאָגן: — לויטן אומדערקלערלעכן ווילן פון גאָט דעם אַלמעכטיקן!...

13

ווי מע זעט — אַ פיינע אָפּעראַציע דורכגעפירט איבערן לעבן און געזונט פון דער געזעלשאַפט; נאָר, צום גליק פון דער מענטשהייט — נישט איינגאַנצן קיין געלונגענע. אַלץ, דאַכט זיך, האָט דער געמיינער האַרץ־אימפּולס באַוויזן אויסצוראָטן צעשטערן; נאָר נישט — דעם מענטשנס שכל.

אַז דער דערשלאָגענער מאַרך־אינטעלעקט האָט גענומען קומען צו זיך, פון די אַריינגעכאַפּטע קלעפּ; זיך־אַרומקוקן: וואו ער איז דאָ אין דער וועלט: באַטראַכטן די לאַגע, ווי זי איז — רעאַל, אָן איבערגעלאָפענער פוסטער פאַנטאַזיע, (און אַזוי האָט ער געמוזט טון — ווייל אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט: אין אַבסאָלוטן הסכם מיט זיין נאַטור;), — האָט ער איינגעזען: אַז ער דאַרף ניט פאַרצווייפלען; נאָר רואיק לערנען פון דעם, וואָס האָט פּאַסירט; ציען די ווייטגייענדיקסטע שלוסן פון דער לעקציע, וואָס דאָס לעבן האָט אים אונטערגעטראָגן — אום צו קענען אונטערנעמען דאָס געיעג נאָך דער פאַרלאָרענער צייט; כדי אַז, מיט דער צייט — זאָל ער ווידער קאָנען איבערנעמען די מאַכט איבערן מענטשן: ווענען ער דאַרף נאָך דערפירן צו דער ענדגילטיקער פריייהייט...

האט ער צוגעזען, דער מארך־אינטעלעקט: ווי דער הארץ־אימפולס, מיט אלע זיינע גיפטיקע באטויבונגס־מיטלען, — האט דאך ניט באוויזן צו שטילן אינעם מאסן־מענטש — די נויט, די זארג; עס הייסט: אז די טרייב־קראפט באם מענטשן איז געבליבן די זעלבע, ווי געוועזן; און ער וועט זיך, דארום, דער מענטש, מוזן לאזן רעדן! פריער, צי שפעטער — ווידער דערהערן די שטים פון פריינטלעכן שכל...

ערשט — אז דער מארך־אינטעלעקט האט זיך גענומען ארומקוקן: וויאזוי מע הויבט אן?, — האט ער באמערקט, צו זיין פרייד: אז זיינע ארבעטס־אינסטרומענטן, וואס ער האט געהאט דערפונדן פארן מענטשן — האט אויך דער הארץ־אימפולס ניט באוויזן צו צעשטערן... הייסט עס: אז דערפון דארף מען אנהויבן...

און ער האט זיך גענומען פאר זייער פערפעקציאנירונג, ביז דער גרינטלעכער ענדערונג...

עס האט געהייסן, כלומרשט: כדי זיי זאלן קאנען פראדוצירן מער — בא א פארקלענערטער צאל ארבעטס־הענט... און דאס האט די הארץ־אימפולסיווע הערשער, א וודאי, גענומען זייער לאקן... אבער, אין דער טיף פון דער ענדערונג האט געשטעקט — דער איינציקער סאציאלער ציל פון מארך־אינטעלעקט: צו דערפירן א מ א ל די פערפעקציע פון די אינסטרומענטן צו אזא הויך, — אז זיי זאלן נעמען פארוואלטן (לערע פון מארקס און ענגעלס) מיט זיך גופא; און ברענגען, דאדורך, פארן מענטשן — די פרייהייט... אבער, ביז דאן — ד. ה., דערווייל: — דארף די פערפעקציע פון די פראדוקציע־מיטלען שאפן א נייע עקאנאמישע ספער; ד. ה. ארויסרופן א פארשארפטע ארבעטסלאזיקייט, קריזיסן, אויפשטאנדן, — און צווינגען די הערשער: אנשטאט צו פארקלענערן די ארבעטס־הענט — גאר נעמען פארקלענערן, שטופנווייז, די ארבעטס־שאען; אבער, אין דער זעלבער צייט — נישט פארמינערן, נאר ג א ר ה ע כ ע ר ן פארן ארבעטס־מענטש דעם לוין פאר זיין עקזיסטענץ... ד. ה. איינשטעלן א נייע סאציאל־עקאנאמישע סטרוקטור — א פרייערע, אין די פארהעלטעניש פון דער מענטשלעכער ארבעט...

אזויארום, טוט ער אויפצווינגען, דער סאציאלער מארך־אינטעלעקט — די אימפולסיווע הערשער פון אלע צייטן: ניט געקוקט אף זייער צארן און האס, — דאך מיטצולויפן מיט דער מענטשלעכער געזעלשאפט — אין פארויס! (הגם, זיי אליין — מיטן איינציקן געמיינעם ציל: צו זעען איינהאלטן און ראטעווען פאר זיך — וואס נאר עס וועט זיך לאזן; און זיך ניט אפשטעלן קיינמאל פאר די ערגסטע פארברעכנס — אום נאר דעם דאזיקן געמיינעם ציל צו דערגרייכן!...)

אין יעדער איבערגאנגס־צייט פון איין סאציאל־עקאנאמישער סטרוקטור (דער פארעלטערטער,) צו א נייער, — שטייט די גאנצע מענטשלעכע

געזעלשאַפט אפן שייד־וועג: אָדער — זיך־פאַרנעמען אין פאָרוים — און בלייבן לעבן, — אָדער — זיך נישט רירן פונעם אָרט — און אומקומען... די דערשיטערונג פון דער אַלטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור ברענגט צום איינברוך פון דער גאַנצער איבערסטרוקטור אין דער געזעלשאַפט: פון אַלע אירע מאָראַלישע איינשטעלונגען אינעם לעבן. די רעוואָלוציאָנערע קאָנוואולסיעס פון דער געזעלשאַפט רייסן אויף אין איך מיט — אַלע ביז־איצט־איינגעשטעלטע מחיצות; מאַכן פּלאַץ פאַרן אויפקום פון אַלערליי האַרץ־אימפּולסיווע שאַרלאַטאַנעס — פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ם א י ד י אָ ט ן: פאַר די אַזויגערופענע גאָט־זוכער און רעטער פון דער מענטשהייט — מכל המינים. אַנשטאָט צו דערזעען קלאָר דעם היסטאָרישן גאַנג פון דער געזעלשאַפט, עס הייסט: די באַדערפעניש פון איר דינאַמישער סאָציאַלער עקספּאַנסיע און צופּאַסונג צו דער נייער עקאָנאָמישער ספער, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך די פערפעקציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען, — וועלן אַלע שוואַכזיניקע האַרץ־אימפּולסיווע אוואַנטוריסטן, פּ ר אָ פ ע־ס אָ ר ם א י ד י אָ ט ן (מיט זייער גאַנצן אַהיסטאָרישן, אַסאָציאַלן מהות — איבערגעשראָקן אַף טויט — פאַרן אומפאַרשטענדלעכן פאַר זיי לעבנס־פּראָצעס), — נעמען רופן, מיטן גרעסטן ספּאָזם: — צוריק צו ירושה, צום עבר; צום אימפּולסיוון פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ג אָ ט — אין אַלע זיינע אידיאָטיש־מאָדערנע דיספּראַזן; אָבער, אין תוך גענומען: — צו פאַרמלאָזן כאַאָס; צו פערוועדזן אויפלייז אין ליבע־און־האַס; צו אומקום . . .

14

מיר מיינען, דורך אָט דעם מער־וויניקער פונדאַמענטאַלן שטודיום — צו קענען ערשט גענויער דעפינירן דעם מהות פון דער האַרץ־אימפּולסיווער דעזאָרגאַניזירטער אומבאַוואוסטזיניקער מאַסע, פון דער פרוי, פון דעם קינד (און פונעם גאָט, וואָס איז דורך זיי געוואָרן דערפונדן.) זיי זענען: אַסאָציאַל, אַמאָראַליש, אַהיסטאָריש — אין זייער מהות און, במילא: אַנטיסאָציאַל, אַנטימאָראַליש, אַנטיהיסטאָריש — אין זייער אַקטיוויטעט. זיי זענען אויך — אָן ווילן, אָן כאַראַקטער; נאָר — דער אייביקער קרבן פון זייער האַרץ־אימפּולסיווער בלינדקייט.

דער, וואָס האָט אָבסערווירט, פון דער נאָענט: די האַרץ־אימפּולסיווע פּסיכיק פון דער כאַאָטישער מאַסע, פון דער פרוי, פון דעם קינד, — יענער וועט גלייך דערזעען אין זיי — די אידענטיפיצירונג מיט זייער אימפּולסיוון גאָט... אַלץ קומט זיי. אַלץ איז זייערס. במילא: ווייסן זיי נישט פון קיין שום שולד און דאַנקבאַרקייט צו קיינעם; פון וועלכער עס איז מאָראַלישער פליכט — אַלס פאָלגע פון דעם, וואָס עמיצער האָט פאַר זיי

געטון. (די סיבה.) ניין. בײַ זיי דרייט זיך די סיבה און פֿאָלגע — שטרענג אַרום זיי גופֿא, ד. ה.: צי מע האָט זיי אומגעקערט ז י י ע ר ס, (אַליין, די גאַנצע וועלט איז דאָך — זייערע!;) — אָדער, ניט אינגאַנצן אומגעקערט... דער, וואָס האָט זיי אומגעקערט עפּעס (די סיבה), — וועט, דאָדורך אַליין, זיך שוין דאַרפֿן שפּירן — גליקלעך. (די פֿאָלגע.)

עס הייסט: אַז דאָס גרעסטע גליק, וואָס זיי קענען שענקען עמיצן, איז: דערלויבן יענעם — זיי ליב צו האָבן. און די גרעסטע טובֿה, וואָס זיי קענען טון פֿאַר עמיצן, איז: דערלויבן יענעם — עפּעס צו טון פֿ אַ ר ז יי. ווײַל זיי, אייגנטלעך, דאַרפֿן דאָך פֿון קיינעם גאָרניט. זיי זענען דאָך גענוג פֿאַר זיך אַליין. דערפֿאַר, דאַרף די גאַנצע וועלט — זיי. זיי זענען, ווי גאָט — דער פּערפֿעקטער ענטפֿער, אַף דער נאָכפֿראַגע פֿון לעבן...

זיי זענען, דערפֿאַר — און דאָס זאָגן שוין מ י ר —: די נעגאַציע פֿון דער סאָציאַלער שכלדיקער אַרבעט, פֿון דער אָנשטרענגונג, פֿון דער שווערער דערגרייכונג... פֿאַר זיי — איז דאָך אַלץ מעגלעך און לײַכט צו באַקומען; ממש — אויסשטרעקן די האַנט צום הימל און דערלאַנגען. פֿאַר זיי איז דאָס וואונדער, די איבערנאַטירלעכע אילוזיע — אײַנפֿאַך; די צוגעגנגלעכסטע זאַך אין דער וועלט... ווי גאָט, — שטייען זיי — אין דרויסן פֿון סאָציאַלן לעבן; זיי לעבן קיינמאָל גאָרנישט איבער; מאַכן ניט מ י ט קיין שום סאָציאַלע שכלדיקע עקספּעריענץ, קיין שום דערפֿאַרונג — פּשוט דערפֿאַר: ווײַל זיי נויטיקן זיך ניט אין דעם. איבערלעבן מיינט, פֿ אַ ר אַלעמען: באַגרײַפֿן די רעאַליטעט פֿון לעבן; דענקען ראַיעל, אין לאָגישער סיבה און פֿאָלגע, און, במילא — פֿאַרגעדענקען די דערגרייכטע דערפֿאַרונג; כּדי זיך אײַנצושפּאָרן אומזיסטע זאָרג, אין דער צוקונפֿט. ד ע נ ק ע ן ר אַ י ע ל מיינט: אין אַסאָציאַציע, אין קאָנטינואיטעט, אין בינדלעכקייט פֿון עבֿר הווה און עתיד; אין היסטאָרישער סאָציאַלער אָנגעייגנטקייט פֿון דעראָבערטער דערפֿאַרונג, אַדאַנק דער אייביקער לאָגישער לערע צו באַנעמען דעם גערעאַנגל אין דער נאַטור און אויך אינערהאַלב דעם מענטשנס מוח — לויט טעזע, אַנטיטעזע און סינטעז; עס מיינט, לויט סיבה און פֿאָלגע. מיט איין וואָרט: אָט אַזוי פֿריי דענקען מיינט — פֿאַרגעדענקען! דאַקעגן: אין דער פּסיכיק פֿון דער האַרץ־אימפּולסיווער כאַאָטישער מאַסע, פֿון דער פֿרוי, און פֿון דעם קינד וועט איר נישט טרעפֿן קיין שום דערפֿאַרונג, זאָרג, איבערלעבונג; דאָס באַגרײַפֿן ראַיעל דאָס לעבן; נישט, דאָס לאָגישע דענקען; במילא — נישט דאָס פֿאַרגעדענקען — דערפֿאַר: ווײַל זיי זעען ניט איין די נויט דערצו, — אין דער צײַט, ווען אַלעם איז מעגלעך — דורך דעם „רעאַלן" וואונדער!

ערשט: נישט האָבנדיק צו טון מיטן ראַיעלן לעבן, (און מיטן איבערלעבן), — בלײַבן זיי, ווידער — אייביק־יונג, אין זייער געמיט; ווי זייע־

גאַט — האָבן זיי ניט אַן צו וויסן פון קיין אַלט־ווערן. אָבער, אין דער זעלבער צייט — פונקט ווי זייער גאָט — זענען זיי: אומפאַרענדערלעך פערפעקט־אַלט־און־רייף — פון געבוירן.

און פונקט ווי זייער גאָט: וואָס ווייסט ניט פון טראַכטן, פון איבער־לייגן־זיך און דאַרפן אַנווענדן כאַראַקטער און ווילן; נאָר וועלכער ווערט געשליידערט, תמיד, דורך זיין בלינדן אומדערקלערלעכן אימפּולס, (וואָס ער אַליין רופט אַן — ווילן) — צווישן זיינע געטלעכע עקסטרעמען פון רחום־וחנון און קנאַ־ונוקם, — אַזוי ווערן אויך זיי, זיינע אויסדאַכטער — אַן ווילן, אַן כאַראַקטער — תמיד געשליידערט צווישן זייערע עקס־טרעמען פון ליבע און האַס; אַן דער מינדסטער דערקלערונג, צי באַגרינ־דונג. אָבער די דאָזיקע בלינדע האַרץ־אימפּולסן זענען בא זיי — הייליק, אומבאַרירלעך, פערפעקט. דאָס גילטן זיי דאָך בא זיי, אַלס — זייער העכסטער ווילן!...

אַט אַזוי רעאַגירט די האַרץ־אימפּולסיווע פּסיכיק: בא דער כאַאָטי־שער מאַסע פון אַלע צייטן, (ד. ה. בא יענעם המון, וועלכער ווערט גע־בוירן — מיט איבערוועגנדן אימפּולס;) בא דער פרוי, און בא דעם קינד. נאָר: אין דער צייט, וואָס דאָס קינד, (דאָס אינגל,) — דורך זיין נעמען וואַקסן, איינערהאַלב דער ס אָ צ י אַ ל ע ר גרזעלשאַפט, (עס מיינט — רעלאַטיוו;) ווערט געצוואונגען אַפּערצווריסן זיך פון די בלינדע האַרץ־אימ־פולסיווע שלייערן און לאָזן אויפגיין אין זיך דאָס ליכט פון מאָרך־אינטע־לעקט, — בלייבן די מאַסע און די פרוי: אייביק — אינפאַנטיל; קיינמאָל — נים־דערוואַקסן; און אַזוי פרעמד צו קולטור און פּראָגרעס, ווי געווען. און ווען אפילו דאָס סאָציאַלע לעבן צווינגט זיי צו נידערן פון זייערע וואונדער־אילוזאָרישע הימלען און עפּעס דערלערנען פון אַ רעאַלער וועזנט־לעכער טעמיקייט: ווייל, אַנישט — וועלן זיי נישט קענען, גאַנץ־איינפאַך, עקזיסטירן, — דאַן טוען זיי דאָס — געצוואונגענערייט; דערלערנען (פאַר־געדענקען) דאָס, צי יענץ; אָבער — אַן אינטערעס: ווי די מאַלפּע, אַל־ציינגס. עס איז בא זיי — מן השפה ולחוץ. עס איז נישט — דער אויס־דרוק פון זייער פּראָגרעס, פון זייער אינטעלעקטועלן וואוקס. ניין. זיי בלייבן — אינדרוויסן און פיינטלעך צו דעם אַלעם; פונקט ווי די גאַנצע סאָציאַל־אינטעלעקטועלע וועלט, מיט איר ווירקלעך־וואונדערלעכער רעאַ־ליטעט, — בלייבט פיינטלעך און אינדרוויסן פון זיי...

אין סך־הכול: עס איז פונדאַמענטאַל־שאַרף דער אונטערשייד צווישן מאָרך־אינטעלעקטועלן מאַן און דער האַרץ־אימפּולסיווער פרוי, (מיט די אוריקע,) — אין זייערע שייכותן צום רעאַלן לעבן.

לעבן מיינט — איבערלעבן. איבערלעבן, ווידער, מיינט — דערפאַרן, דערלערנען, דערקענען די רעאַליטעט; עס הייסט: זי אויפנעמען אין קאָנ־טינואיטעט, אין שבֿלדיקער געקייטלטער בינדלעכער סיבה און פאָלגע, אין

אַסאָציאַציע; אין סומירונג פון דעם געשעענעם, פון די פאַקטן, פון די פּאַסירונגען; באַגרייפן די געשעעניש — סאָציאַל, עס הייסט, אויסן שטאַנדפונקט: פון ברענגען גוטס, אָדער שלעכטס פאַר דער סאָציאַלער געזעלשאַפט און פאַר אירע געזונטע סאָציאַלע מיטגלידער. אָט דאָס איבערלעבן — אין שייכותן — לערנט, אַנטוויקלט, ווייזט דעם וועג צו סאָציאַלער שכלדיקער מאָראַל און רחמנות: צו זיין דאַנקבאַר און שולדיק דעם סאָציאַלן חבר אין דער געזעלשאַפט — פאַר זיין מיטהילף; צו פאַרניכטן — שכלדיק־אַכזריותדיק — דעם אויסוואורף, וואָס זוכט צו ברענגען דער סאָציאַלער געזעלשאַפט שאָדן; און צו דערקענען און באַהערשן די רעאַליטעט פון דער נאַטור — לטובת דער גאַנצער סאָציאַלער געזעלשאַפט. אָט דאָס איבערלעבן — אין שייכותן — לערנט דעם סאָציאַלן מענטשן דעם גאַנג פון לעבן און פון געשעענישן, אין אַלגעמיין: זייערע פּעריאָדן פון זיין יונג, אויסוואַקסן ווערן רייף, און נאָכהער בהדרגהדיק נעמען ווערן אַלץ עלטער און פאַרגיין; מיט איין וואָרט — איבערלעבן. אָט דער אַרט איבערלעבן — אין שייכותן — (נישטאָ קיין אַנדערער;) מיינט — דענקען און פאַרגעדענקען, עס הייסט: אויפנעמען די פּאַסירונג אין עבר, הווה און עתיד; זי פאַרהאַלטן אין זכרון. למשל, ווען עס קומט אַ געוויסער ווייטיק, — ווערט ער איבערגעלעבט דרייפאַך: בעת ער רעפלעקטירט נאָכאַנאַנד אין מאַרך, — סומירט דער מאַרך דעם איצט מיטן עבר; און ער טראַכט אויך, ער שטעלט זיך פאַר דעם עתיד; ד. ה.: ער פאַרגעדענקט, ער פאַרטראַכט זיך, ער זוכט דערפאַרונג. אַזויאַרום, ליידט ער, אין פלוג, מערער און מאַכט דעם מענטשן — עלטער. אָבער, פון דער אַנדערער זייט — לאָזט ער דעם מענטשן דעם ווייטיק נישט פאַרגעסן; ער האַלט אים אין שרעק און אין זאָרג פאַרן צוריקקער; און ער באַוועגט אים, דאַדורך: צו לערנען, דערפאַרן; דערקענען די סיבה פונעם ווייטיק — כדי אים ראַדיקאַל צו פאַרמיידן, אַ צווייט מאָל — ער זאָל ניט צוריקקערן; עס הייסט, אין דער אונטערשטער שורה: כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אומקום.

אָט אַזוי דענקט און פאַרגעדענקט דער מאַרך־אינטעלעקטועלער מאַן, אין זיין קאַמף און זאָרג פאַר עקזיסטענץ; ווייל ער ווייסט, ער באַגרייפט אויסגעצייכנט: אַז ער האָט זיך ניט, אַף וועמען צו פאַרלאָזן — אַף קיין שום גאָט אין די הויכן — אויסער אַף זיך אַליין און אַף דער סאָציאַלער מיטהילף פון זיינס גלייכן, ד. ה. אַף דער אָרגאַניזירטער הילף פון דער סאָציאַלער באַוואוסטזיניקער געזעלשאַפט. שפּעטער: דעפאָזיטירט ער דאָס דערפאַרענע, דאָס פאַרגעדענקטע — אין דער וועלט פון געפילן, וואו עס שטייט אויס זיין סאָציאַלע מאָראַל.

אָבער ער — דער אינטעלעקטועלער מאַן, אינערהאַלב דער סאָציאַלער געזעלשאַפט — איז אַלמעכטיק. דערפאַר, איז ער — אַזוי דרייסט־

אומאַנטשראָקן, אין זיין בינדלעכקייט פון עבר און הווה — מיט עתיד.) דערפאַר, וועט ער, בעת אַ קאָלעקטיווער געפאַר — (און קאָלעקטיוו איז יעדע געפאַר, וועלכע איז מענטשלעך און טרעפט היינט — דעם, מאָרגן — אַנדערע), — אָפּשמייסן, מיט עקל, די הינטישע פּוגערעניץ פון אימפּולס (ווייל ער, דער אינטעלעקטועלער מאַן, הערשט איבער אים): צו זיין נ י כ ט ע ר ־ פּ ר אַ ק ט י ש, אָפּן מאָמענט; נישט קריכן אין פייער אַריין; נישט פּלאָטערן אַזוי שטאַרק פאַרן כּלל; און טראַכטן אינזינען־האָבן צו ראַטעווען די אייגענע פעל... ער, דער סאָציאַלער באַוואוסטזיניקער מאַן פון דער געזעלשאַפט, — וועט דאָס אָפּשליידערן, אָט די נבזהדיקע פּראַקטישקייט — טאָקע פאַר זיין אייגענער טובה וועגן; ד. ה.: ווייל ער וויל לעבן; און ער זעט איין, אַזוי קלאָר: אַז, הינטער אָט דער פאַרעטערישער עצה — שטעקט אימפּולס' אייביקע טענדענץ צו אומקום... ווייל ער, דער מאָרך־אינטעלעקטועלער מאַן מיט זיין איינגעשאַפּט אויסצורעכענען אַזוי דרייסט און קלאָר די צוקונפט — זעט פאָרויס, אַזוי העל: אַז, זאָל ער נישט איילן אַצינד צום צענטר — דאָרט, וואו די אָנגעיאָגטע סטיכיע, למשל, ברעכט די דאַמבע און דראָעט פאַרפלייצן דעם גאַנצן סאָציאַלן ישוב, — אַז, זאָל ער איצט, אידיאָטיש־פאַרעטעריש, זיך־אויסבאַהאַלטן אין זיין היים, וואָס ליגט ווייט פונעם צענטר, — אַזוי, וועט לאַנג נישט געדויערן — און די ווילד־צעבושעוועטע סטיכיע וועט די דאַמבע דורכרייסן און, מיט וויכטן וואוט, בליץ־שנעל זיך־אויסגיסן פאַרלענדן דעם גאַנצן סאָציאַלן ישוב, זיין איינגעהיטע כאַטקע — אַריינגערעכנט...

אָט אַזוי דענקט און פאַרגעדענקט, (לעבט און לעבט־איבער) דער מאָרך־אינטעלעקטועלער מאַן, מיט זיין סאָציאַלן דרייסטן בליק צו דער צוקונפט — אין זיין ערלעכן מאָראַלישן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פאַר באַהערשן די נאַטור און זי שטעלן אין דינסט פון דער סאָציאַלער געזעלשאַפט.

דאַקעגן, די האַרץ־אימפּולסיווע כּרוי (און די איריקע) לעבט גאָרנישט איבער. זי צווינגט, מיט איר האַרץ־אימפּולס — איר מאָרך: צו נעגירן פולשטענדיק די רעאַליטעט פון לעבן, פון דער עקזיסטענץ, פון דער נאַטור — מיט איר אַנטוויקלונג, באַוועגונג, קאָנטינואיטעט און וואוקס. זי נעגירט, אין אַלגעמיין, דעם סאָציאַלן גאַנג פון דער וועלט, דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. זי איז, ווי איר אימפּולסיווער גאָט: אַליין — די עקזיסטענץ, אַלט־דרייף, פּערפעקט. אַלץ איז — זי. זי איז — דער פּערפעקטער ענטפער אַף אַלץ. אַלע וועגן פירן צו איר — צו דער איינציקער געטלעכער רעאַליטעט, צום גליק... דערפאַר, האָט זי: אַליין — דאָס וויסן, — גאָרנישט, וואָס צו דערפאַרן — מחוץ פון איר: ווייל גאָרנישט, מחוץ פון איר, עקזיסטירט. דערפאַר, קאָן זי זיין — פריי פון זאָרג, פון געפאַרן;

ווייל: וואָס קאָן דען פּאַסירן — קענען איר געטלעכן ווילן, וועלכער איז — די סיבה און פאָלגע פון אַלץ?...

די האַרץ־אימפּולסיווע פרוי ווייסט נישט פון איבערלעבן, פון קאָנ־טינואיטעט און וואוקס פון געשעענישן; נישט פון דענקען; במילא, נישט פון געדענקען. זי איז — סטאַטיש־פּערפעקט, אין אַלץ. זי וואַקסט נישט. זי איז — איצטיק, אין אַלץ. זי ווערט געבוירן און זי פאַרבלייבט — כּעמפּ־אַלט, אין איר איינבילדונג: אַז צו איר איז אַלץ באַוואוסט... אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, פאַרבלייבט זי — אייביק־טעמפּ־יונג: ווייל זי לערנט נישט; זי דערפאַרט נישט; זי אַנטוויקלט זיך נישט.

זי איז, ווי געזאָגט: אין אַלץ — איצטיק. קומט איבער איר אַ ווייטיק, אַ פּיין, — לאָזט זי אים רעפלעקטירן אין איר מאַרך — אַזוי, ווי זי שפּירט אים: איזאָלירט — אָן עבר, אָן עתיד, בלויז אין הווה. אָפּגעלאָפּן די רגע — פאַרשוואונדן. אָן דער מינדסטער סומירונג; אָן וועלכער פאַר־טראַכטונג, זאָרג; אָן אָנצוזאַמלען דערפאַרונג, עקספּעריענץ; געדענקען, איבערלעבן; זוכן ראַדיקאַל צו פאַרמיידן דעם ווייטיק — אַ צווייט מאָל; ער זאָל נית צוריקקערן, ניין. נישט זי לעבט איבער; נישט זי געדענקט. גאָרנישט בלייבט איינגעהיט. גאָרנישט מיט איר האָט פּאַסירט. אַריבער דער וויי, — שטייט זי — אַזוי קינדיש־פריש־יונג, ווי געוועזן — אין איר וועלט פון אימפּולס; בּאַ די בראשית־טויערן פון מאַנס סאָציאַל לעבן, מיט זיין דערפאַרונג — וואוהין זי האָט נישט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אַפי־לו... עס איז, אין דער ווירקלעכקייט — איר אימפּולסיווע טענדענץ צו טויט; צוריקקערן צום פאַרמלאָזן כאַאָס...

זי, די האַרץ־אימפּולסיווע פרוי, גייט אום — אַ פרעמדע, אַ פיינט־לעכע — אין דעם מענטשנס סאָציאַלער געזעלשאַפט. זי בלייבט — אינ־פאַנטיליש־פאַרביסן אַ ס אָ צ י אַ ל, אַ מ אָ ר אַ ל י ש — אין אַלע אירע באַגריפן וועגן וועלט און לעבן. זי שפּירט נישט — אין איר אימפּולסיווער אינטימיטעט — קיין שום סאָציאַלע שייכות צום מיטמענטש; קיין שום מאָראַלישע שולד און דאַנקבאַרקייט צו קיינעם; ווייל זי שפּירט — אין איר געטלעך־אימפּולסיווער אינטימיטעט: אַז אַלץ קומט — א י ר; אַז אַלעס איז — א י ר ס . . . און אַזוי ווי זי באַזיצט דאָך פאָרט, ווי דער מאַן, אַ מאַרך־אינטעלעקט, וועלכער דאַרף זיין מסוגל צו דענקען און פאַר־געדענקען, — גייט אָן איר מענטאַליטעט, איר „געדאַנקען־גאַנג" — אין סיבה און פאָלגע, געריכטעט צו איר אַליין בלויז: נישט זי איז שולדיק עמיצן אַ דאַנק (פאָלגע) — ווייל יענער האָט איר אין עפּעס געהאָלפן (סיבה), — נאָר: זי איז קיינעם גאָרנישט שולדיק (פאָלגע) — ווייל יע־נער, אייגנטלעך, האָט איר אומגעקערט א י ר ס, זינט אייביק... (סיבה). אָט אַזוי — אַסאָציאַל, אַמאָראַליש — צווינגט זי איר מאַרך־אינטעלעקט צו „דענקען און פאַרגעדענקען": אָן קאָנטינואיטעט, אָן סאָציאַל־מאָראַלי־

שער שייכות און שולד צום מיטמענטש. און פונקט אזוי — נעמט זי אויך מאַרכם פּקדונות אין איר דעפּאָזיט פון געפילן: וואָס פאַרשטאַרקט בלויז, דאַדורך, נאָכמער איר אומגעצוילטע אימפּולסיווע מאַכט פון תמיד...

די האַרץ־אימפּולסיווע פרוי אין דער סאָציאַלער געזעלשאַפט, וואָס דער אינטעלעקטועלער מאַן האָט אויפגעבויעט, — איז אָבער, צו איר באַדויערן — נישט פריי; און דער סאָציאַלער מאַן דער עיקש איז נישט נאָכגעביק; ער זוכט איר צו מאָדעלירן; ער בויגט איר צו זיין ווילן... און זי איז געצוואונגען — קעגן איר אימפּולסיווער נאַטור, — צו מאַכן דעם אָנשטעל און לאָזן פריי איר געדאַנק: אַזוי צו דענקען און פאַרגעדענקען כלומרשט, ווי בא דעם מאַן; ד. ה. דערלערנען, מן־השפה־ולחוץ, און זאָגאַר „פאַרשריטן" מאַכן — אין די אַלע סאָציאַלע קולטור־געביטן, וואָס דער אינטעלעקטועלער מאַן האָט דערפונדן; זיך אין זיי באַפעסטיקן און „גיין פאָרויס"...

אָבער, נישט געקוקט אַף דער גאַנצער „אויפגעקלערטקייט", — בלייבט די האַרץ־אימפּולסיווע פרוי, אין איר תוך — די זעלבע, ווי געווען. זי איז — אַף אַ האָר, נישט געענדערט. זי נעגירט אַלץ — די רעאַליטעט, די עקזיסטענץ, די נאַטור, די סאָציאַלע וועלט. זי פאַרבלייבט אַזוי טיף געטלעך איינגעגלויבט אין זיך, ווי תמיד: אַז זי איז — די איינציקע עקזיסטענץ, די איינציקע רעאַליטעט; במילא, איז איר באַגער — די העכסטע איינציקע מאָראַל... דערפאַר: ווייסט זי נישט פון קיין שולד, פון קיין זינד, פון קיין פליכט צו וועמען — מחוץ פון איר. ווייל: ווער עקזיסטירט דען — אויסער איר? און וויבאַלד אַזוי — טאָ: וועמען קאָן זי זיין עפּעס שולדיק? צו וועמען דאַרף זי פילן וועלכע פליכט? קעגן וועמען קאָן זי האָבן באַגאַנגען וועלכע זינד? קעגן וועמען און מיט וועמען?!.

אַט אַזוי שפּירט זי, אין איר טיף, פון אייביק ביז אייביק — די האַרץ־אימפּולסיווע פרוי; וועלכע גייט אום — אַ פרעמדע, אַ פיינטלעכע, אַ אינזיך־איינגעשלאָסענע — אין דעם מאַנס סאָציאַל־אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט; זוכנדיק: אַלע זיינע ליכטיקע געבויען צו צעשטערן; אים אַליין צו צעטומלען; צו איזאָלירן אים פון דער אַסאָציאַציע; צו פאַרפירן אים אַף קרומע אָפּגעזונדערטע וועגן; און, אין מאָמענטן פון קאָלעקטיווער געפאַר: ווען עס יאָגט אָן פון ערגעץ די צעשפּילטע סטיכיע, זי ברעכט די דאַמבע און דראָעט צו פאַרפלייצן דעם גאַנצן סאָציאַלן ישוב, — ווערט זי, די בליגדע אימפּולסיווע פרוי — מיט אירע אַסאָציאַלע האַרץ־עלעמענטן פון רחמנות און אכזריות — אַרויסקומען מיט איר „פּראַקטישער ניכטערקייט", און וואָרענען דעם מאַן: — נישט צו קריכן אין פייער אַריין; נישט לויפן צום צענטר — קעמפן־ריזיקירן פאַרן גאַנצן סאָציאַלן קאָלעקטיוו (איר אַנטיסאָציאַלע אכזריות;) נאָר טראַכטן אינזיגען־האָבן צו ראַטעווען

די אייגענע פעל (איר אסאָציאַלער רחמנות) — וועלכע איז וויכטיקער פון אַלץ אין דער וועלט!...

עם הייסט, מיט אַנדערע ווערטער: זיצן און וואַרטן, מיט פאַרלייגטע הענט, אין דער היים, — ביז וואַנען די ווילד־צעבושעוועטע סטיכיע — דאָרט אין צענטר — וועט די ראַמבע דורכרייסן און, מיט וויסטן וואוט, בליץ־שנעל פאַרפּלייצן־פאַרלענדן דעם גאַנצן סאָציאַלן ישוב, זיין „אייגנעהיטע" באַטע — אריינגערעכנט...

אָבער ער — דער באַוואוסטזיניקער, סאָציאַל־אינטעלעקטועלער מאַן — וועט נישט הערן קיינמאָל די פאַרפירערישע שטים פון דער הארץ־אימפּולסיווער פרוי. ווייל ער וועט זיך גיבן רעכענונג: אַז זי, אין איר אייגטימען דראַנג, איז — איינס מיט דער סטיכיע: אין זייער בלינדן צעיוי־שעטן דראַנג צו טויט... ער וועט, דאַרום: איילן ריזיקירן און העלפן צוימען די סטיכיע, ראַטעווען דעם גאַנצן סאָציאַלן ישוב — כדי צו ראַטעווען די אייגענע היים, זיין סאָציאַלע עקזיסטענץ.

ער וועט, נאָכהער, גיין פיל ווייטער — דער ליכטיקער אינטעלעקטועלער סאָציאַלער מענטש; און ער וועט קעמפן פאַר איינשפּאַנען די בלינדע צעיושעטע סטיכיע (די רויע נאַטור, די אימפּולסיווע פרוי, די אימפּולסיוו־געבוירענע מאַסע): אום זי צו סאָציאַליזירן; טרייבן צו זייגע ליכטיקע צילן...

ער וועט אָבער מוזן תמיד געדענקען, דער ליכטיקער אינטעלעקטועלער סאָציאַלער מאַן: צו האַלטן נאָכאַנאַנד אַ וואַכזאַם אויג אויף דער געצוימטער בלינדער אימפּולסיווער סטיכיע — אין זיין מאַכט; וועלכע פאַרבלייבט, אייביק — אומפאַרענדערלעך, אין איר מהות; און פיינטלעך־פאַרביסן צו אים — אַזוי ווי טעזע צו אַנטיטעזע, אַלציינס...

דער מאַרך־אינטעלעקט, און דער האַרץ־אימפּולס — אַ, זיי געהערן זיך קיינמאָל איינער מיטן אַנדערן נישט אָן... פּונקט ווי דער סאָציאַלער אינטעלעקטועלער מענטש — מיט פּראָפעסאָר גאָט און זיין נביא, פּראָפעסאָר אידיאָט...

בוענאָס־איירעס. גענומען שרייבן אינעם י. 1944; פאַרענדיקט אין 1945, דאָס יאָר פון נצחון.